STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02856

# FOLK, GAYST UN LAND

Yaakov Cahan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## יעקב כהן

# פאָלק, גייסט און לאַנד

### עסייען

פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז

פּאַריז 1952

**JACOB KAHAN**

# FOLK, GEIST UN LAND

(ESSAIS)

Printed in France, Copyright by J. Kahan

**PARIS** **1952**

# מיין פאלק

פאָלק, מיין פאָלק! ביזט מיין אחד, מיין טרייסט און האָפּענונג. דער עיקר פון מיין לעבן, פון מיין פּיין און צער. וואָלט דיין זיין נישט געווען רעאַל, האָב איך נישט מער קיין רעאַלקייט אין מיין לעבן.

זאָלן די ספקות וועגן דיר, נישט צערו־דערן מיין לעבן, אַריינוואַרפנדיק עס אין ליידיקייט און אין גאָרנישט. איך זאָל זיך נישט דאַרפן בייגן אונטערן יאָך פון דיינע פיינט, און אייגענע פאַרלייקענער פון מיין צעפּייניקט פאָלק. איך זאָל קענען האַלטן הויך מיין קאָפּ, פאָלק מיינס, איך, דיין זון און דיין דינער.

# אריינפיר

אינעם בוך „פאָלק, גייסט און לאַנד", באַהאַנדלט דער מחבר אויף אַ קורצן אופן, די געדאַנקען, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן פאָלק, זיין גייסט און דאָס לאַנד.

דער נאָמען פונעם בוך, און דער סדר פון די אַוועקגעשטעלטע באַגריפן, איז נישט קיין צופאַל. — ער איז געוואָרן געגעבן, צוליב דער עסיי אינעם בוך מיטן דאָזיקן נאָמען, וואָס דריקט אויס די אידעאָלאָגיש־געדאַנקלעכע כוונה פון מחבר. — דער מחבר האַלט די דאָזיקע באַגריפן לויט דעם אַוועקגעשטעלטן סדר, פאַר אַ לאָגישע נויטווענדיקייט. זיי זענען אין דער דאָזיקער ריי, די גרונד־יסודות פון דער יידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. (ווי פון יעדער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ) וואָס בילדן צוזאַמען דעם נאַציאָנאַלן „חוט־המשולש", (דריי פאַכער פאָדעם) און זענען ווי איינס. —

***

דורך דעם דאָזיקן בוך, צילט דער מחבר לויט זיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן, צו פרווון צוטראָגן ציגל, פאַרן בנין פון אַן איינהייט סיסטעם פונעם יידישן געדאַנק.

אויף וויפיל דער דאָזיקער פרווו איז געלונגען, זאָל זיך אַרויסזאָגן דער ווייסנדיקער און געוויסנדיקער קריטיקער.

***

דער ערשטער עסיי פונעם קאַפּיטל „דער יידיש־נאַציאָנאַלער גייסט", וואָס באַהאַנדלט דעם מענטשלעכן גייסט, פּרעטענדירט נישט אויף קיין וויסנשאַפטלעכע פּרעציזקייט. —

קיין שום דעפיניציע איבערן גייסט, קאָן נישט זאָגן: „כזה ראה וקדש!" (ס'איז אַ פעסטע אַקסיאָמע). אַ גערעדאַנקלעכער פרווו, איז עס אָבער יאָ. —

***

די געשטאַלטן אברהם, יעקב און משה, וואָס קומען אַריין אינעם קאַפּיטל „דער יידיש־נאַציאָנאַלער גייסט", האָט זיי דער מחבר אויסגעקליבן און זיך מיט זיי געדאַנקלעך באַנוצט, — באַטראַכטנדיק זיי פּסיכאָלאָגיש, — פאַר די אַקטיווסטע נאַציאָנאַלע פיגורן, און פאַר די באַגרינדער פון ישראל סבא. דאָס זעלבע האָט ער אויסגעוויילט אַ טייל פון די נביאים, וועמענס געדאַנקען ער באַטראַכט פאַר אַ באַשטאַנד־טייל און פאַר אַ קאָנטינואַציע פון יידישן נאַציאָנאַלן גייסט.

דאָס גאַנצע ערשטע קאַפּיטל, מיינט נישט אַרויסצוברענגען אַלע וויכטיקע מאָמענטן און דערשיינונגען פון דער געשיכטע פונעם יידישן גייסט. די כוונה פון מחבר, איז נישט צו אונטערפּרעטירן היסטאָרישע אָפּשניטן, אפילו זיי נישט צו סקיצירן. נאָר אַרויסצוהייבן די דערשיינונגען, וואָס קאָנען לויט זיין מיינונג באַלויכטן די „מאָטיוון" און דעם ווירקונגס־פּראָצעס פון נאַציאָנאַלן גייסט, כדי צו דינען ווי אַ הילפס־אינסטרומענט פאַר דער געדאַנקען־קאָנצעפּציע פון דער יידישקייט, וואָס הייבט זיך נאָך אָן צו וועבן אין אָנהייב פון קאַפּיטל דורכן גייסטיקן פּאָרטרעט פון אברהמען, שנירלענדיק זיך איבערן גאַנצן „וועג" פונעם יידישן גייסט, און מאַניפעסטירנדיק זיך איינציייטיק, ווי די ליניע פון נאַציאָנאַלן המשך.

***

אַלע עסייען אינעם בוך, זענען געשריבן געוואָרן אין די לעצטע חדשים פון 1951 אין פּאַריז, אויסער דער עסיי „רבי יוחנן בן זכאי און רבי עקיבא", וואָס איז געוואָרן געשריבן אין חרובדיקן ביאַליסטאָק, אין יאָר 1947. אַ טייל עסייען זענען פאַרעפנטלעכט אין דער יידישער פּרעסע.

דעם עסיי „אחד־העם און דער גייסטיקער ציוניזם", האָט דער

מחבר געגעבן, באַטראַכטנדיק זיינע געדאַנקען, דווקא אַצינד, פאַר ברענענד־אַקטועל, און וועמענס שאַפן, דאַרף געהערן צום אייזערנעם פאָנד פון דער דענקערישער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. און זאָל דאָס אויך זיין, דער באַשיידענער „אָפּצאָל״ פון מחבר, פאַרן גרויסן לערער.

***

אין אַ צייט פון אַן אידעאָלאָגיש־מאָראַלישן קריזיס אינעם ציוניזם, פון אַ באַגריפן־פּלאָנטער, וואָס איז געקומען צוליבן מאַנגל פון אַ טיפן נאַציאָנאַלן אַריינטראַכטן, שוין נישט רעדנדיק פון דער צעמישונג, וואָס ווערט אַריינגעטראָגן דורך געוויסע קרייזן, — איז כדאיאויסצוקלאָרן און אַרויסצוהייבן די ווערטן פונעם נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס דאַרפן זיך אויסווירקן ווי אַ פאַקטאָר פון אַן אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן קאָנסטרוקטיוויזם, אויף אַלע ערטער, און איבערן גאַנצן שטח פונעם יידישן לעבן. — פון אַ שעפערישיידיש לעבן, אויף די יסודות פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער האַרמאָניע פון זיינע טיילן, וואָס דאַרף פירן צו אַ האַרמאָנישן איינס, פון פאָלק, גייסט און לאַנד...

# דער יידיש-נאַציאָנאַלער גייסט

## דער מענטשלעכער גייסט

וואָס איז דער מענטשלעכער גייסט?

אויף דעם איז שווער צו געבן אַן אויסשעפּנדיקן ענטפער. עס איז שווער צו דעפינירן אויף אַ ממשותדיקן אופן דעם באַגריף גייסט.

גייסט ווי אַ כוח; ווי אַ באַזונדערער עפּעס, אונטערליגט נישט קיין פיזישע באַגריפן און איז נישט קיין פיזיקאַלע דערשיינונג.

זיין עיקר־מהות, איז שווער אויפצונעמען מיט די חושים. דעם גייסט דעפינירן, קאָן מען גיכער אויף אַ נעגאַטיוון אופן, דורך באַגרינדן מיט דעם וואָס ער איז נישט. ער איז נישט קיין קערפּער, און אונטערליגט נישט קיין צאָל, וואָג און מאָס. פון דעסטוועגן נעמען מיר אָן זיין עקזיסטענץ און ריידן וועגן די פאָרמען פון זיינע אייגנשאַפטן. אַזוי אַרום נעמען מיר אויף דעם מענטשלעכן גייסט ווי דעם אויסדרוק פון אַלע נישט־מאַטעריעלע כוחות פון מענטשן. ווי דער פירנדיקער און קאָנטראָלירנדיקער אָרגאַן זייערער.

ער איז דער דינסטער נישט־געזעענער פּאָדים (פיזיש אויסגעדריקט) וואָס פאַרבינדט און פאַרקניפּט אַלץ אין דער אינעווייניקסטער מלוכה פון מענטש צו איין האַרמאָנישן אויסדרוק. — ער איז דער רואה ואינו נראה (אין גייסטיקן זינען) אין דער טונקלסטער תפיסה פון מענטשלעכן זעלבסט. — בקיצור: דער אַבסאָלוטער מאָנאַרך במלכות האדם, וואָס קאָנצענטרירט — און ברענגט אַרויס אַל דאָס ווילענדיקע; שטרעבנדיקע און אַל דאָס לעבעדיקע אינעם מענטשן. ער שעפּט זיינע כוחות פון אינסטינקט און איז זיין שליח מיוחד. פון דאָזיקן בלינדן פון אַלע כוחות, אָבער מעכטיקסטן לע־

בנס־שאַל, וואָס קומט — און איז די ערשטע האַנט פון איר מאַיעס־טעט די נאַטור אַליין.

***

דער מענטשלעכער גייסט האָט אויך זיינע גראַדאַציעס און אייגנשאַפטן — לויט די פונקציעס און נאָענטערע שייכותן צום אייגענעם לעבן, מיט וועלכן ער איז געבונדן און איז אַ טייל פון אים.

די פּראַקטישע לעבנס־פונקציעס, וואָס דער גייסט פירט אויס און רעגולירט זיי, זענען דער טייל פונעם „קערפּערלעכן" גייסט. דאַקעגן די ריינע גייסטיקע פונקציעס, וואָס ער פירט אויס, גע־הערן צו דער נשמה פון גייסט, צו דער נשמה פון דער נשמה. — נאָר די גרונד־אייגנשאַפט זיינע, דורך וואָס מיר דערקענען אים, איז דאָס אַנטפּלעקן זיך.

פונקט ווי מיר אַליין ווערן דורכן גייסט אַנטפּלעקט, ד. ה. — מיר דערקענען און באַנעמען זיך דורך אים ווי אַ „סוביעקט", ווי אַ מענטשלעכער „איך", און ווערן זעלבסטבאַוואוסט ווי אַ באַזונ־דערער יש, אַזוי וויל ער אַליין אויך, ווי אַלץ אין דער נאַטור, קו־מען צום אויסדרוק, נתגלה ווערן, זיך אין מעשים פאַרקערפּערן — און דאָס טאַקע מאַכט ער מיט דער הילף פונעם מענטש, וואָס איז זיין אייגענער אָביעקט, און איז ביי אים „כחומר ביד היוצר". — וואָרעם וואָלט זיין גרונד־טענדענץ נישט געווען דאָס נתגלה ווערן אין מעשים, דאַן וואָלט דאָס מענטשלעכע לעבן געווען איין קייט פון פּאַסיוויטעט. עס וואָלט געוואָרן פאַרגליווערט. און דער מענטש אַליין וואָלט געווען אַ לעבעדיקער מת.

געניו אויף וואָס פאַר אַן אופן ער מאַכט עס, און מיט וועלכע מיטלען ער פירט אַדורך די דאָזיקע זיינע אַנטפּלעקונגס־„מאַניפע־לאַציעס", איז פאַר אונדז אינעם איצטיקן מאָמענט נישט וויכטיק אָנצוווייזן. ווייל פאַר אונדז איז געניג, ווען מיר נעמען אָן דעם גייסט ווי דער אַלגעמיינער אויספירער פון אַלע ווילנס, פאַרלאַנגען און שטרעבונגען פון דעם מענטש; ווי דער, וואָס גלייכט אויס זיינע חילוקי־דעות און קעגנזאַצן, און גיט איבער דעם שוין אויסגע־

גלייכטן רעזולטאַט צום הויפּט־ווילן אָדער אַן אַנדער אַנאָנימען כּוח צום אויספירן.

**
*

ווען איז ער אויפגעקומען דער דאָזיקער מענטשלעכער גייסט? דער מאַלפּע־מענטש, וואָס איז לויט דער דאַרווינישער טעאָריע, געקראָכן אויף די בוימער און האָט אויסגעבויט זיין נעסט אין שאָטן פון די געדיכטע צווייגן — אָדער דער הייל־מענטש, וואָס האָט אין יענע אור־צייטן געלעבט אין זיין נאָרע ווי אַ חיה אין איר באַהעל־טעניש, האָט פאַרשטייט זיך נאָך נישט געוואוסט פון קיין גייסט. זיין לעבן איז געווען ענלעך צום לעבן פון די איבעריקע נישט־ דענ־קענדיקע באַשעפענישן. ער האָט זיך נאָר פון זיי אויסגעטיילט מיט זיין קומה זקופה, מיטן גיין אויסגעגלייכט אויף זיינע פיס און מיטן אַרויסווייזן די ערשטע פאָרמירונג־סימנים פון זיין שפּעטערדיקן אור־אייניקל. זיינע עובדות פון אַנטפּלעקן זיך, אויסווירקן זיך אין מעשים זענען געווען באַגרענעצט בלויז צו די נויטן פון קערפּער. זיי זענען געווען פּרימיטיוו־חיהשע און אינסטינקטיווע. אָבער שוין ביי זיין שפּעטערדיקער פלוצעמדיקער פאַרוואונדערונג איבערן אַ־רום, ביי זיין ערשטן אויגן־גלאָץ צום הימל, און טיפערן פאַרשע־רישן אַריינדרינגען (הגם נאָך געגנוג פּרימיטיוו) האָט ער שוין דער־פילט זיין גייסט. און דערקענענדיק אין זיך זיין גייסט, איז ער שוין אויך געוואָרן דער ערשטער פּרימיטיווער דענקער אויף דער וועלט.

יענער באַגינען־טאָג איז דער בראשית פונעם מענטשלעכן גייסט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

## דער נאַציאָנאַלער גייסט

דער נאַציאָנאַלער גייסט ווי דער גייסט פונעם פאָלק איז ווי דער גייסט פונעם יחיד. ווייל „אין בכלל אלא מה שבפרט". דער כלל, דער רבים, נעמט אַריין אין זיך דאָס, וואָס דער יחיד, דער איינצעלנער האָט. ער דריקט אויס אַלע עיקרדיקע אייגנשאַפטן, אַלע גייסטיקע עלעמענטן און מענטאַליטעטן פון די יחידים, פון

װעלכע דאָס פאָלק באַשטייט. ער מאַכט דאָס אָבער אויף אַ מער קאָנדענסירטן אופן — און קלייבט אויס דאָס, װאָס איז נאַציאָנאַל־קערנדיקער, װיכטיקער. ער נעמט מער דאָס מהותדיקע פון דער נאַציע און דאָס פּאַראייניקנדיקע פון די אַלע יחידים. ער איז אַזױ אַרום דער פאַרשװייסער, דער פאַרשמעלצער, דער צעמענט, װאָס צעמענטירט די באַזונדערע ציגל פון דעם בנין װאָס הייסט נאַציע. און פּונקט װי דער גייסט פונעם יחיד איז דער ספּעציעלער שליח פון זיין לעבנס־אינסטינקט, אַזױ איז אויך דער נאַציאָנאַלער גייסט קודם כל דער אויסדריקער פון װילן פון נאַציאָנאַלן אינסטינקט, װאָס איז דער היטער פונעם פאָלק, פון זיינע לעבנס־אינטערעסן, פון זיין גאַנצקייט און באַזונדערקייט. און כדי דאָס צו דערגרייכן, היט אָפּ דער נאַציאָנאַלער גייסט דאָס עיקרדיקע פון די פאָרמען, װאָס זענען אַנטשטאַנען אינעם בראשית פון דער נאַציע. ער פלעגט זיי, אַנטװיקלט זיי , פאַסט זיי צו און סטיליזירט זיי אפילו איבער אינעם הסכם מיטן ריטם פון דער צייט — אָבער אָן שאַדן פאַרן מהותדיקן װאָס אין זיי, פאַרן באַזונדערן, אייגנאַרטיקן, װאָס טיילט אויס די נאַציע פון אַנדערע.

און װי דער מענטשלעכער גייסט בכלל, אַזױ איז אויך די גרונט־אייגנשאַפט פונעם נאַציאָנאַלן גייסט: זיך צו אַנטפּלעקן, צו קאָנקרעטיזירן זיך אין מעשים. װייל אין דעם — אין אַנטפּלעקן זיך — איז די עצם־פונקציע זיינע װי אַ שליח פון נאַציאָנאַלן אינסטינקט, װאָס דאַרף קודם כל זאָרגן פאַרן אייביקן קיום פונעם פאָלק.

***

דער אַבסטראַקטער גייסט מוז בכן אַראָפּנידערן פון זיין הימלישן טראָן אויפן פעסטן באָדן פון אויפּפיר און אויספיר. — ער פאַרקניפּט און פאַרבינדט דאָס פאָלק צו אַ נאַציאָנאַל־שעפערישער אייגנהייט, צו אַ פאַרשװייסטן נאַציאָנאַלן מאַסיװ דורך אַ ריי פּראַקטישע געבאָטן.

און נאָר אַזױ אַרום איז ער מסוגל צו רייסן דאָס פאָלק פון יעדן צעפאַל, אָפּצוהיטן עס פון יעדן אָפּרייס פון שטאַם, פון יעדער פאַרפרעמדונג פון ישראל סבא. און אויסקלייבנדיק פון די פאַרא־

נענע געבאָטן די, פון אַ מענטשלעך־עטישן, סאָציאַל־ און נאַציאָ־
נאַל־שעפעריישן ווערט, ווערט דער גייסט אַליין קאָנסטרוקטיוו־שע־
פעריש. —

די מענטשלעכע פסיכיק איז אַזוי געבויט, אַז זי פאַרטראָגט
נישט קיין ליידיקייט, קיין פוסטקייט. זי מוז מיט עפּעס אַ קאָנקרעטן
אינהאַלט אויסגעפילט ווערן; אויך די פאָלקס־נשמה, די נאַציאָנאַלע
פסיכיק, פאַרטראָגט נישט קיין ליידיקייט: זי מוז זיך אין מעשים
פאַרקערפערן. אַ נאַציאָנאַלער גייסט, וואָס בלייבט אַ הוילע אַבסט־
ראַקציע, וואָס קליידט זיך נישט אָן אין קיין לבוש, גייט נישט אַדורך
דורכן חומר פון באַשטימטע פאָרמען און מעשים, דערפירט די נאַציע
צו אַ נאַציאָנאַלן תוהו ובוהו צו איר אונטערגאַנג.

## א ב ר ה ם

אַ דענקער, אַ גרויסער דענקער איז געווען אונדזער שטאַם־פאָ־
טער אברהם, וואָס האָט פון זיין אייגענעם „איך" אַרויס, פון זיך
אַליין, אינטואיטיוו אַרויסגעשפירט די פולקייט און באַזונדערקייט, די
צעריסנקייט און צעטיילטקייט פון די טיילעכלעך וואָס אין אים, און
וואָס פאָרט דערגייען זיי צו איין האַרמאָנישער שלימות פון ווילן
דערפירנדיק צו אַן איינהייט פון טאַט. און ער האָט אינעם דאָזיקן
אין זיך און פון איבער זיך — אָנפירנדיקן כוח דערקענט ווי די שלי־
מות פון זיין גייסט. דערשטוינט פונעם דאָזיקן פאַרגייענדיקן און
אויפקומענדיקן; פון סעפאַרירנדיקן און פאַראייניקנדיקן, — פון איי־
גענעם טראָפּן וואָס אינעם ים, און פון ים וואָס איז אינעם טראָפּן,
— האָט ער פון זיין אייגענעם „אחד" אַרויס, דעם אחד פונעם גאַנצן
זיין אַנטפּלעקט. ער האָט דעם „שדי" (דעם גאָט פון נעכטן) מיטן הוה
און עתיד אין אַן איינהייט פון צייט פאַרבונדן. און מיטן וואָרט
„יהוה" (דאָס זיין), אים אויף אַלע אייביקייטן באַקרוינט. (יהוה איז
כולל אין זיך היה הוה ויהיה). און ער האָט פון אָ דעם מאָמענט
מיטן אחד כורת ברית געווען. ער האָט מיט דעם אל־איינעם, מיט
דעם אייביקן געאייניקטן אויף אייביק פאַר זיך און פאַר זיינע
קינדער אַ בונד געשלאָסן. איז זיין ערשטע אויפגאַבע געווען: דעם

פאַטערס געצן צו צעברעכן. פאַרניכטן די צעריסנקייט און באַזונ־דערקייט פון די כוחות, וואָס דערברענגען נישט צו קיין שלימות. די „מעשי ידי אדם", וואָס זענען נישט באַהויכט מיט קיין דינאַמיק פון לעבן. — די פאַרגליווערטע סטאַטיק, וואָס דערהייבט נישט, הייבט נישט אויף דעם מענטש צו זיין אלהים, אין וועמענס גע־שטאַלט ער איז באַשאַפן. די געצן, וואָס פאַרקנעכטן דעם מענטש אין דעם מענטש, און צעשטערן די פרייע פערזענלעכקייט וואָס אין אים... זיין מענטש־באַווערטיקונג.

און ער האָט דעם יסוד געלייגט פאַר די מענטשלעכע און אַל־מענטשלעכע ווערטן, וואָס קומען שפּעטער צום אויסדרוק דורכן ידישן גייסט, און וועמענס וועלט־באַנעם איז: דער פּסיכאָלאָגיש־אינטואיטיווער מענטש־וועלט־פאַרשטיין.

נישט דער בלויזער מענטשלעכער שכל (ראַציאָ), וואָס איז אַ־ליין אַ געפאַנגענער אין דער תפיסה פון אייגענעם זעלבסט און וואָס צוזאַמען מיטן גאַנצן מענטשלעכן זיין איז ער מער נישט ווי אַ רינ־געלע, אַ פּיטשעמאַנטשיק רינגעלע אין דער קייט פון אלדאָס לעבן, פון האַרמאָנישן סודותפולן קאָסמאָס, פון אַלץ אין איינס און איינס אין אַלץ, קען און איז מסוגל אַלץ צו באַנעמען; און אוודאי נישט דער מאַטעריאַליסטיש־מעכאַנישער אופן פון באַנעם.

נאָר דאָס העכסטע איז די אינטואיציע: דאָס אַרויסציען די פאַרבאָרגענע פעדעם פונעם לעבן דורכן אייגענעם לעבן אַליין. —

**
*

דורך זיך אַליין באַוואוסט מאַכן ווי אַ רינגעלע אין דער אַלגע־מיינער קייט פון ווערן און זיין, פון אויפקום און פאַרשווינדן, און דאָס אַלץ אַדורכלאָזן דורך דער פּריזמע פון פּסיכאָלאָגישן אמת (זע יעקב כהן „אויף די וועגן פון ידישן קיום", זייט 26). פון אמת, וואָס נעמט אויף אַ טייל דערשיינונגען נישט, ווי זיי זענען פאַקטיש געווען, נאָר ווי זיי וואָלטן אַזוי געווען, בעסער געזאָגט: אַזוי ווי מיר ווילן זיי זאָלן זיין. אויב נאָר דאָס העלפט אויפצוהייבן דעם מענטש צו די העכסטע עטישע הויכן און גרינגער און עסטעטישער צו מאַכן אים דאָס לעבן, דורך זיינע אויסגעלעבטע עמאָציעס. —

און גאָר דאָס העכסטע און הייליקסטע איז דאָס לעבן. און אין דעם דאָס מענטשלעכע לעבן. דער מענטש איז אַלץ: די קרוין פון באַשאַף. און אויב נישט גאָר באַקרוינט האָט אים די יצירה; ער איז נישט געבוירן געוואָרן אין קיין זיידן העמדל, — דאַרף ער עס ווערן. ער דאַרף ווערן די קרוין פון באַשאַף.

דער מענטש דאַרף זיך אַליין באַווערטיקן, און דורך זיך אַליין, דורך דער אייגענער פּערזענלעכקייט דאַרף ער אַלץ מתקן זיין.

ער דאַרף זיך אַליין און צוזאַמען מיט זיך אַלץ איבערשאַפן. ווערן אַ יוצר און מתקן זיין אַלץ „במלכות שדי". ער דאַרף זיך אַליין דער־לייזן; זיין דער גואל פון זיך אַליין.

# י ע ק ב

## „ויותר יעקב לבדו ויאבק איש עמו" (וישלח כ"ח)

ווען יעקב איז געבליבן אַליין, אַליין מיט זיין „איך", האָט זיך אַ מענטש מיט אים געראַנגלט. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער אייגענער צעשפּאָלטנקייט וואָס אין אים „ותוכל לו" (דאָרט) און איז די צעשפּאָלטנקייט בייגעקומען און באַלד האָט ער געהייסן אָפּטאָן די פרעמדע געטער. „הסורו את אלהי הנכר אשר בתוככם" (וישלח ל"ג).

ער האָט דורך דער שלימות פון זיין „איך", דורך דער האַרמאָניע פון מענטש און ייד אין אייגענעם אחד, דעם וועלט־אחד געזען.

אינעם געראַנגל צווישן דעם „אחד" פון זיין זיידן אברהם און די באַזונדערע כוחות, די „פרעמדע געטער", האָט אין אים גובר גע־ווען דער אחד פון אברהמ'ען.

ער האָט אינטואיטיוו און פּסיכאָלאָגיש באַנומען דעם ווערט פון אַן „אל אחד", פון אַן איינציקן פאַראייניקנדיקן כוח פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און זיינע קינדער וואָס נאָך אים — פאַר די בני־יעקב. און זיין נאָמען איז געוואָרן ישראל.

איבערנעמענדיק דעם וועג פון זיין זיידן, האָט ער שוין אָנגע־הויבן פאַרמען דעם אייגענעם גייסט, ווי דעם שפּעטערדיקן אויס־דריקער פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט און באַזונ־

דערקייט; ווי דעם אויספירער פונעם יידישן נאַציאָנאַלן אינסטינקט.

***

מיטן באַוואוסטע ווערן פון זיין ראַליע און שליחות האָט יעקב געשטאַרקט דעם גייסט פון זיינע אבות. דורכן באַזעצן זיך אין גושן, האָבן זיך די בני־יעקב איזאָלירט און אָפּגעזונדערט פונעם שטייגער און די קולטן פון די מצרים. דאָס איז געווען די פּאָטענציעלע רייפקייט פון נאַציאָנאַלן זוימען, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אינעם לכתחילה'דיקן תנאי פון יעקב'ן לגבי פּרעה'ן צו וואוינען אין גושן. כאָטש נאָך טיף באַהאַלטן אין זיין שפּראַך, איז דאָס שוין אָבער געווען דער ערשטער בשורה־אָנזאָג פון נאַציאָנאַלן פענאָמען, פון דעם פענאָמען, וואָס האָט געדאַרפט פאַרהיטן פון נישט פאַרשלינגען צו ווערן אינעם מצרישן אָרגאַניזם, דאַקעגן פאַרזעצן און פאַרטיפן דעם שטייגער און די פאָרמען פון די אייגענע עלטערן.

איז דאָס שוין אויך געווען דאָס רייפע אויפגיין אינעם אינערן פון נאָך נישט אויסגעקריסטאַליזירטן גייסט אַליין.

***

די גושן־באַזעצונג ווי אַ באַזונדערער קאָלעקטיווער שבט־רעזערוואַט האָט צוגעהאָלפן, האָט פאַרגרינגערט די שפּעטערדיקע באַפרייאונגס־אַרבעט פון משהן. גושן איז געווען דער גרונד־קערן פון די טעריטאָריאַלע און גייסטיקע אויטאָנאָמיע, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם פרעמדן שמישן שבט פון די בני־יעקב, צייטווייליק צו פאַרטרעטן דאָס כנענים־לאַנד, דאָס שוין פאַרהיימישט געוואָרן היים־לאַנד פון די אבות. דאָס איז געוואָרן דער אָנהייב־פּראָצעס פון ווערן אַן איינהייטלעכער נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו, דער גורם פון אַ רעוואָלוציע, וואָס איז פאַרגעקומען אין דער פּסיכיק פון די נאָך נישט צעמענטירטע בני־יעקב. אַ נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער פּראָצעס, וועמענס דויער האָט זיך געצויגן פון יציאת־מצרים ביזן ערשטן מלך אין ישראל. וואָרעם וואָלטן די בני־יעקב זיך נישט באַלד איזאָלירט אין גושן, וואָלט משהס אַרבעט געווען אַ פיל שווערערע, אָדער אפשר וואָלט בכלל צו דער באַפרייאונג נישט געקומען, ווייל די בני־יעקב

וואָלטן זיך אין גאַנצן אויפגעלייזט אינעם אַלגעמיינעם עגיפּטישן שמעלץ־אויוון אָדער זיי וואָלטן פאַרניכטעט געוואָרן אין די כסדר־דיקע קאַמפן מיט די הערשנדיקע מצרים.

## מ ש ה

„ויגדל משה ויצא אל אחיו" (שמות י"ב), ווען משה איז גרויס געוואָרן, אַז ער איז אויסגעוואַקסן אין אייגענעם אינטואיטיוון פאַר־שטיין און אין באַנעם פון זיין שטאַם, איז ער אַרויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער. ווי נאָר ער האָט באַקומען דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַן עברי פון די בני־ישראל, איז ער געגאַנגען און האָט זיך באַהאָפטן מיט זיינע ברידער. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט זייערע טראַדיציעס און גלויבנס־באַנעם, מיטן גייסט פון זיינע און זייערע אבות. דאַן האָט ער מיט זיין טיפן אַריינדרינג אַנטפּלעקט דעם תהום צווישן דעם גייסט פון די בני־ישראל און דעם באַנעם פון די מצרים — אַ תהום, נישט איבערצושפּאַנען. האָט ער אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַרן אַרויסגיין פון מצרים, פאַרן באַפרייען דעם עברישן גייסט פון די תועבת מצרים, פון אַרויסגיין פון גושן צום היימלאַנד פון די אבות. ער האָט נישט אויסגעקליבן דאָס כנענים־לאַנד ווי אַ ניי לאַנד, נאָר ווי דאָס פאַרהיימישטע לאַנד, וואו זיינע אבות האָבן שוין פריי־ער געוואוינט.

**
*

ווי אַ פּסיכאָלאָג האָט ער מיטן כוח פון שוין געוואָרענער טראַ־דיציע געוואָלט פאַראייניגענען און גרינגער מאַכן דאָס דעראָבערן פון לאַנד, וואו עס האָבן זיך שוין געפונען די פאַרהייליקטע קברים פון די אבות און אמהות. —

דער עיקר: ווי אַ נאַציע־באַגרינדער האָט ער נישט נאָר גע־וואָלט בלויז זיך באַפרייען פון די מצרישע שעדלעכע איינפלוסן, נאָר אויף דער באַזע פון גייסטיקן באַנעם פון די אבות, אויפן גרונד פון די נאַך רויע, נישט אויסגעשליפענע, אָבער שוין פאַר יענער צייט פענאָמענאַלע עיקרים, שאַפן אַן אייגענעם פאַרגאַנצטן נאַציאָנאַלן

לעבנס־באַנעם. אַ לעבנס־באַנעם, וואָס זאָל ווי אַ גאָלדענע רייף אַ־רומנעמען די נאָך נישט צעמענטירטע שבטים און פירן זיי צו דער־ראָבערן דאָס לאַנד, און אינעם לאַנד אַליין פאַרשווייסן זיי צו איין „אחדיקן" נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוון מאַסיוו, וואָס זאָל בכוח זיין להבא אויסצוהאַלטן אַלע שטורעמען פון דער צייט. האָט ער דעריבער פאַר־שטאַנען, אַז ס'איז נייטיק די אַבסטראַקטע געדאַנקען און פאָרשטע־לונגען פון די אבות אַריינצופירן אינעם קאַנאַל פון פאַרפיקסירטע געזעצן און נאָרמעס. און די געזעצן און טראַדיציעס אַליין האָבן גע־דאַרפט פאַרווירקלעכט ווערן אינעם פראַקטישן צוזאַמענלעבן פון די בני־ישראל שוין אין זייער אייגן לאַנד.

***

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען מוז דעם גייסט אַליין אַריינפירן אינעם לעבן, אים אָנקליידן אין לבוש פון טואונגען און מעשים. ער אַליין, — דער גייסט — מוז אַראָפּנידערן פון זיין אַבסטראַקטער הויך אויף דעם ערדישן נידער פון פראַקטישן פיר און אויספיר. און דער אויספיר מוז זיין אַזעלכער, וואָס זאָל באַלד לכתחילה אויך שאַפן די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע האַרמאָניע פון פאָלק. ווייל נאָר די גליי־כע פאַרטיילונג פון די ערדישע גיטער, די סאָציאַלע גערעכטיקייט, דאָס גלייכע באַפרידיקן די נויטן און באַדערפענישן פון יחיד ווי אַ טייל פון כלל, און פון כלל ווי אַ מיטל פאַרן פרט, איז די גאַראַנטיע פון „אחדיקן" אויפהאַלט פון דער שפּעטערדיקער נאַציע.

אַזוי אַרום זענען אויפגעקומען די פאַרשידענע געזעצן און נאָר־מעס פון סאָציאַלן, יחידישן און פאַמיליע־צוזאַמענלעבן פון די בני־ישראל נאָך פאַרן אַריינגיין אין לאַנד און וואָס האָבן געדאַרפט פאַר־וואָרצלט ווערן שוין אין געמיינשאַפטלעכן לעבן פון די שבטים אויפן אייגענעם באָדן.

און די דאָזיקע אַלע געזעצן און נאָרמעס האָבן שוין אין זייער עיקר, אין די גרונד־פרינציפן געוואָרצלט אין די אַנטפלעקטע פאַר־שטעלונגען פון אברהמ'ען וועגן איין איינציקן גאָט (אחדות הבורא) פון איינקייט, וואָס פירט צו אייניקייט, צו האַרמאָניע און גערעכטי־קייט. סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע גערעכטיקייט, וואָס דאַרף דער־

הייבן, באַוועגן דעם מענטש, און גלייכצייטיק זיין אַ מיטל אויפ־צוהאַלטן די גאַנצקייט און שטאַרקייט פונעם פאָלק.

## די שופטים

יהושע, די שטאַרקסטע פערזענלעכקייט נאָכן גרויסן פירער און לערער משה, גייט אַוועק נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין פירער און וועגווייזער. צוליב אונדז אומבאַקאַנטע סיבות האָט יהושע, משה'ס תלמיד, נישט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף קיינעם פון די בני־ישראל אַלס צייכן פון באַקרוינען און אויטאָריזירן אים ווי זיין יורש און ווי אַ פירער — און דאָס אין אַ צייט, ווען דער כיבוש הארץ איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט.

דער אבות־גייסט, וואָס האָט געקריגן זיין אויסדרוק אונטער דער פירונג פון גרויסן משה דעם געזעצגעבער, דורך די חוקים און נאָרמעס, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרקערפּערן אינעם לעבן די אידעאַלן און פאָרשטעלונגען פון די אבות, זייענדיק באַגרינדעט אויפן אחדיקן יהוה־קולט און וואָס האָט געדאַרפט גלייכצייטיק דערפירן צו דעם אחדותדיקן צונויפשמעלץ פון די שבטים און אַזוי־אַרום פאַר־ענדיקן דעם כיבוש הארץ, איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט.

און די צייט פון די שופטים ווערט באַצייכנט: „כל איש הישר בעיניו יעשה" — וואָס איינער האָט געוואָלט, האָט ער געטאָן.

***

די שבטים זענען צווישן זיך שטאַרק צעריסן. דער יהוה־קולט איז נאָך נישט פאַרוואָרצלט; זיי דינען אי צו יהוהן אי צום בעל.

און זיי ווערן טאַקע פון צייט צו צייט געשלאָגן פון די שכנים, געשלאָגן באַזונדער — שבט'ריק, — ווי זיי לעבן באַזונדער שבט'־דיק. —

זייער גייסטיק לעבן איז נאָך אָרעם. משה'ס אָנגעשטרענגטע אַרבעט אויף צו פאַרטיפן און רייניקן דעם ישראלדיקן גייסט און מאַכן אים פאַר אַ פאַקטאָר פאַר דער בני־ישראלדיקער פאַראייני־קונג, ווערט צו נישט. די שבטים דערנענטערן זיך צוריק צום מגר־

שמדיקן באַנעם פון די שכנים און פאַלן אַרונטער אונטער זייער שעד־לעכן איינפלוס. די דאָזיקע בני־ישראלדיקע געפאַלנקייט דערפירט דערצו, אַז איינער פון זייערע קריגס־פירער, דער שופט יפתח, איז מקריב זיין איינציקע טאָכטער פאַר אַ קרבן צו יהוהן נאָכן זיג אי־בער די עמונים, נישט וועלנדיק ברעכן דעם נדר, וואָס ער האָט פריער געגעבן פאַרן אַרויסגיין אין שלאַכט.

עס פאַרטרעט שוין נישט דער איל (שעפּס) דעם לעבעדיקן מענטש, ווי אין דער נאָך פריערדיקער צייט פון אברהמען מיט יצחקן. און דעם לעבעדיקן קרבן אַליין (יפתחס טאָכטער) בלייבט מער נישט ווי צו באַוויינען צוזאַמען מיט אירע חברטעס איר יונג־פרוילעכקייט אויף די אַרומיקע הויכע בערג (שופטים ל"ח).

# די נביאים

ווי די מעכטיקסטע דונער־קלעפּ, ווי שטורעם־געוויטערס פון אַלע וועלטן און געברויש פון די מעכטיקסטע ים־כוואַליעס; ווי מיט אַ געקנאַל פון פאַלנדיקע פעלדזן און אויפגייענדיקע פלאַמען האָט אַרויסגעשטורעמט און האָט אַרויסגעפלאַמט דאָס דונערדי־קע און פלאַמען־צינדנדיקע וואָרט פון די נביאים פאַר גערעכטיקייט און פאַר אמת. די נביאים, וואָס זענען אַזוי נישט אָפּנייגנדיק, אַזוי אין גאַנצן מיט לייב און לעבן, מיטן גאַנצן פלאַם און גלי פון זייער צעצונדענער נשמה אַרויסגעטראָטן אין קאַמף פאַר יושר און גערעכ־טיקייט, האָבן באַזונדערס זייער לערע און זייער יידישע און וועלט־קאָנ־צעפּציע אויף דעם אַלטן גלויבן אין דער פאַרשטעלונג פון איינ־קייט, איינציקייט, וואָס פירט צו אַל־איינקייט. אויף מענטש־באַ־וואָרטונג און דערהייבונג פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס פירט דורכן אייגענעם וועג פון לייטערונג צו סאָציאַלער האַרמאָניע פונעם גאַנצן, אינעם געשלאָסענעם קרייז פונעם פאָלק, און דורכן פאָלק, דורך דער אייגענער נאַציאָנאַלער שלימות, דורכן דערהייבן דעם אייגענעם נאַ־ציאָנאַלן גייסט און געוויסן, באַוואָרטיקן, אויפהייבן דעם גייסט פון דער וועלט: אין דעם סאָציאַלן גערעכטן פיר פון זייער פאָלק, אין דעם פאַרגאַנצטן אחדיק־אחדותדיקן לעבנס־שטייגער, האָבן זיי נישט

נאָר געזען די עטיש־עסטעטישע שיינקייט, וואָס שטעקט אין דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער האַרמאָניע, נאָר אויך די נאַציאָנאַלע נויט־ווענדיקייט פאַרן אייביקן קיום פון זייער פאָלק, פאַרן ציען וויטער דעם פאָדעם פון יידישן זיין.

⁂

און אין זייער געטריישאַפט פאַרן אמת און פאַר גערעכטיקייט, פאַרן יושרדיקן באַפרידיקן די באַדערפעניש און נויטן פון די פאָלקס־מאַסן, האָבן זיי נישט איין מאָל אַרויסגעטראָטן קעגן ווילן פון אַ טייל פון זיי, וואָס האָט זיך זיי אויסגעוויזן אין פולשטענדיקער סתי־רה צו די האַרמאָנישע אינטערעסן פונעם גאַנצן. אָדער ווען זיי האָבן געזען אין זייער אייגענעם ווילן אַ נישט־רייפקייט, אַ נישט־קלאָרן באַנעמען פון זייער אייגענער לאַגע, אין וועלכער זיי האָבן זיך אינעם געגעבענעם מאָמענט געפונען.

# ש מ ו א ל

שוין דער ערשטער נביא שמואל טרעט שאַרף אַרויס קעגן זייער פאַרלאַנג פון „שימה לנו מלך לשפטנו ככל הגוים" שופטים א ח' ט').
— גיב אונדז אַ קעניג, ער זאָל אונדז משפטן ווי אַלע פעלקער. ער האָט אין פאַרלאַנג „ככל הגוים", אינעם סתם נאָכטאַנצן און נאָכ־מאַלפּעווען די פעלקער אָן אַן אינערלעכער נויטווענדיקייט געזען אַ געפאַר פאַר דער באַזונדערער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

ער האָט אין דעם געזען אַן אויסדרוק פון פוסטער נאַציאָנאַלער אָנגעבלאָזנקייט און גאווה, וואָס קאָן דעם פאָלק גאָרנישט געבן, אָ־בער וואָס, פאַרקערט, קאָן פאַרערגערן די מאַטעריעלע און מאָראַ־לישע לאַגע פון די פאָלקס־מאַסן. און ער שילדערט זיי אַ מוראדיק בילד פון פאַרקנעכטונג און אונטערדריקונג, וואָס וועט קומען פון זייער אייגענעם קעניג.

און מיט גרויס נביאישע קראַפט און פּאַטעטישן שוואונג מאָלט ער: את בניכם יקח ושם לו במרכבתו ובפרשיו ורצו לפני מרכבתו. ולשום לו שרי אלפים ושרי חמשים ולחרש חרושו ולקצר קצירו ול־

עשות כלי מלחמתו כלי רכבו. את בנותיכם יקח ולרקחות ולטבחות ולאפות. ואת שדותיכם ואת כרמיכם וזיתכם הטובים יקח ונתן לעבדיו (געקירצט).

„ער וועט אייערע קינדער איינשפּאַנען אין זיינע רייטוועגענער. ער וועט אייך פאַרוואַנדלען אין זיינע לויפערס און אין זיינע קנעכט צו אַקערן זיין אַקער און שניידן זיין שניט. ער וועט צונעמען אייערע טעכטער פאַר קנעכט און דינסטן. אייערע פעלדער, וויינגערטנער און די בעסטע איילבירטן וועט ער אַוועקגעבן פאַר זיינע מענטשן".

און ווען זיי גיבן פאָרט נישט נאָך, נאָר אַרגומענטירן שוין מיט דער נויטווענדיקייט פון: „ויצא לפנינו ונלחם את מלחמתינו". ער זאָל גיין פאַר אונדז, אונדז צענטראַליזירן, פאַראייניקן און פירן אונדזערע מלחמות, ווילט אוים שמואל פאַר אַ קעניג דעם אייזל־זוכער שאול פון קלענסטן באַשיידנסטן שבט בנימין (דאָרטן).

## נ ת ן ה נ ב י א

נתן הנביא שליידערט דוד המלך אין פּנים אָן שום מורא און וואַקל דעם ביטערן אמת פון דער מעשה בת־שבע און זאָגט אים נאָכן משל מיטן אָרעמען שעפּסעלע: „אתה האיש"! — דו ביזט עס אַליין דער מאַן. דו האָסט עס אין דיין באַטרוג און שווינדל אַוועקגעשטעלט בת שבעס מאַן אוריה החתי אויף דער ערשטער פייער־ליניע, ער זאָל גענהרגעט ווערן, כדי דו זאָלסט קענען פאַרגעזעצלעכן דעם רויב פון זיין פרוי. און נישט נאָר ער וואַגט דעם מלך צו מוסרן, נאָר ער שעלט אים מיט דער ביטערסטער קללה: „ועתה לא תסור חרב מביתך עד עולם" די שווערד זאָל זיך פון דיר נישט אָפּטאָן (שמואל י"א, י"ב).

## י ש ע י ה ו

ישעיהו בן אמוץ אין זיין שוידערלעכער חורבן־זעאונג איבער יהודה, וואָס וועט קומען, אַנטפּלעקט מיט אַ געוואַלדיקער דרייסטקייט דעם מאָראַלישן גזויל פון זיין צייט אין יהודה מיט די ווערטער:

„איכה היתה זונה קריה נאמנה מלאתי משפט צדק ילין בה ועתה מרצחים".

אַ זונה איז געוואָרן ירושלים, די שטאָט פון צדק און דין, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מערדער־נעסט (ישעיהו א').

און אין דער וויטערדיקער זעאונג זעט ער די צייט, ווען מען וועט צעברעכן די שווערדן אויף אַקער־אייזנס און די שפּיזן אויף שנייד־מעסערס און קיין פאָלק קעגן אַנדערן וועט נישט אויפהייבן קיין שווערד און מען וועט נישט לערנען קיין מלחמה (דאָרטן).

## ע מ ו ס

אמציה דער כהן פון בית אל, מוז ראַפּאָרטירן דעם קעניג פון ישראל ירבעם, אַז: „קשר עליך עמוס בקרב בית ישראל לא תוכל הארץ להכיל את כל דבריו. ככה אמר עמוס בחרב ימות ירבעם ויש־ראל גולה יגלה מעל אדמתו".

דער נביא עמוס בונטעוועט זיך עפּענטלעך קעגן דיר און זאָגט: ירבעם וועט אומקומען דורך דער שווערד און ישראל וועט פאַרטריבן ווערן (עמוס י"ז).

## מ י כ ה ה מ ו ר ש ת י

און מיכה זעט און דריקט אויס די גאַנצע יידישקייט אין פאָלגנ־דיקן זאַץ: הוגד לך אדם מה טוב ומה יהוה דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך" (מיכה ו, ח).

ס'איז דיר געזאָגט געוואָרן מענטש, וואָס ס'איז גוט און וואָס גאָט פאָדערט פון דיר: נאָר טאָן גערעכטיקייט, און דיין גוטס טאָן און באַשיידן זיך אומגיין מיט דיין גאָט.

## א ל י ה ו ה נ ב י א

ווען דער מלך אחאב פון ישראל גייט איבערנעמען דעם וויינ־גאָרטן פון נבות היזרעאלי, וואָס איז מיט דער הילף פון זיין פרוי,

די פרעמדע איזבל, פאַלש פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און דערמאָר־דעט געוואָרן, דערשיינט פאַר אים פּלוצעם אליהו הנביא און שטור־רעמס אַרויס: „הרצחת וגם ירשת"! — כה אמר יהוה: במקום אשר לקקו הכלבים את דם נבות, ילוקו את דמך גם אתה"!...

האָסט געמאָרדעט און ווילסט נאָך ירשענען?! — אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אויפן זעלבן אָרט, וואו די הינט האָבן געלעקט דאָס אומשולדיקע בלוט פון נבות, וועלן זיי אויך לעקן דיין בלוט (מלכים א', כ"א).

***

אַזוי אויך אומדערשראָקן און מיט אַן איבערמענטשלעכן מוט טרעט אַרויס דער זעלבער אליהו קעגן דעם פרעמדן אַריינגעפירטן גייסט דורך איזבל די צידונערין, ווי בכלל קעגן אַלע פרעמדע קולטן און מנהגים, וואָס זענען אין סתירה קעגן יידישן מאָנאָטעאיסטישן גייסט, און וואָס זענען נישט קעגן יעדן אומרעכט בכלל.

***

אַזוי טרעטן אַרויס די נביאים מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט און מאָראַלישן פּאַטאָס קעגן יעדן אומרעכט און שלעכטס, קעגן פּוסטן אומנוציקן פאָרמאַליזם און גאָוזהדיקער פּאָזע.

אין זייער פּסיכאָלאָגישן באַנעם דאַרף דער איין־איינציקער סימ־באָליזירן די איינציקייט און איינסקייט פון פאָלק און דער וועלט.

דער עטישער מאָנאָטעאיזם דאַרף פירן צו מעשים טובים בין אדם לחברו; צו אַ שטרענגער סאָציאַלער גערעכטיקייט; צו אַ הייליק לעבן פון יחיד און רבים. און דורך זיך, דורכן אייגענעם פאָלק דאַרף געשטרעבט ווערן צו אַ וועלט־אויסבעסערונג, צו אַ תיקון עולם — אפילו צו אַ נאַטור־איבעראַנדערשונג.

אָבער נישט צו קיין בלויזער אַבסטראַקציע האָבן געצילט זייערע געדאַנקען. נאָר זיי האָבן געוואָלט אויסשמידן אויף דער קאָוואַדלע פון דער האַרטער לעבנס־ווירקלעכקייט אין ארץ־ישראל נאָך אין די צייטן, ווען ישראל און יהודה זענען געווען זעלבסטשטענדיק, אַ גע־רעכטן צוזאַמענלעבן פאַר זייער פאָלק. זייער נאַציאָנאַלער און סאָ־ציאַל־עטישער פּאַטאָס איז געוואָרן באַגײַסטיקט דורך דער דערפאַ־

רונג פון שלעכטן סאָציאַלן לעבן אין יהודה און אין ישראל, און דורך דער נאַציאָנאַלער צעריסנקייט פון די טיילן, ווי אויך דורך דעם וואָס זיי האָבן געזען אין דער סאָציאַלער גערעכטיקייט די עטישע שיינקייט און די נאַציאָנאַלע האַרמאָניע פונעם פאָלק, ווי אויך די גאַראַנטיע פאַרן פאַרמיידן פון די רייבונגען צווישן די פאָלקס־שיכטן, כדי צו פאַרשמירן דאָס פאָלק ווי איין נאַציאָנאַל־מלוכהשער מאַסיוו.

## די חשמונאים

נאָך דער קריסטאַליזאַציע און פעסטיקונג פון נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס ווערט געמאַכט דורך עזרא הסופר און די אנשי כנסת הגדולה אין דער תקופה פון די עולי־בבל, קומט פאָר אין יהודה אונטער דער הערשאַפט פון די סירישע סעלייקידן אַ שאַרפער צוזאַמענשטויס צווישן העלעניסטישן און יידישן גייסט, וואָס האָט געדראָט נישט נאָר דעם אונטערגאַנג פון דער יידישער קולטור, נאָר צוזאַמען דערמיט אויך דאָס יידישע פאָלק.

די יידישע „מתיוונים" — אָנהענגער פון דער העלעניסטישער קולטור — האָט געלאָקט און גערייצט די פאַרבלענדיקע הפקר־שיינקייט פון דער גריכישער קולטור.

די לעבי־יונגען פון יהודה איז פאַרמיאוסט געוואָרן די שטרענגע לעבנס־אויפפאַסונג און דער עטיש־נאַציאָנאַלער שטייגער פון זייער פאָלק.

ס'האָט אויך זיי שווער געדריקט דער עול פון געבאָטן און פאַרבאָטן, ווען עס ציל ס'איז דאָס לייטערן פון מענטשן און איינהאַלטן די נאַציע אינעם שטורעמדיקן ים פון גאַנצן אַרום. האָבן זיי זיך געצויגן צום העלעניסטישן פרעמדן פייער און האָבן מיט זיך אויך געוואָלט מיטשלעפן דאָס גאַנצע פאָלק.

***

אין דער דאָזיקער שעת־חירום, אין דער דאָזיקער צייט, ווען עס האָט געלויערט די סכנה פון אַ פולשטענדיקן אונטערגאַנג פון דער קולטור־ירושה פון דורות און במילא פון יידישן פאָלק, שאַרפט

און גליט אויס דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט אַ מעכטיקן נאַציאָנאַלן גייסט ביי די קנאים־חשמונאים, וועלכע וואַרפן זיך מיט אַן איבער־מענטשלעכן העראָאיזם אין קאַמף קעגן מעכטיקן שונא.

און באַוואָפּנט מיט דער קולטור־ירושה פון די אבות, באַגייס־טערט פון דער אייגענער זאַך, שטאָלץ מיטן אייגענעם גייסט, וואָס איז גלייכצייטיק דער פאַנצער פון קיום־האומה, זענען זיי שוין דער־גאַנגען פון אַ קולטור־קאַמף צו אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן זיג, פון אַ קאַמף קעגן העלעניזם צו אַן אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף פאַרן גאַנצן פאָלק.

## י ב נ ה

נאָך דער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע פון יהודה, נאָכן ענדגיל־טיקן חורבן, וואָס איז געקומען אויפן פאָלק אין רעזולטאַט פון דער לעצטער פאַרשפּילטער בר־כוכבא־שלאַכט, האָט געדראָט אַ געפאַר, אַז די געבליבענע יידן אין יהודה און די געראַטעוועטע רעשטלעך פון די אַלע צעשפּרייטקייטן פון דעמאָלטיקן מזרח און מערב זאָלן אונטערגיין און אָפּגעווישט ווערן פון אויבערפלאַך ווי אַ נאַציאָנאַ־לער קאָלעקטיוו. ירושלים, דער סימבאָל פון גייסטיקן אָנהאַלט און אָנשפּאַר פון די יידן, איז חרוב און וויסט. דער בית המקדש, ווי דער אויסדרוק פון בונד פון אחדיקן יהוה מיטן אחדיקן פאָלק צו איין האַרמאָנישער פאַראייניקנדיקער געמיינשאַפט און דער סימ־באָל פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישן צענטער פון יהודה, איז שוין נישט בנמצא. דער הר המוריה, וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען איז פאַראַקערט. און ירושלים אַליין איז פאַרוואַנדלט אין אַ געצנדינע־רישער שטאָט א. נ. „אַליאַ קאַפּיטאַלינאַ".

אַ געוואַלדיקע דעפּרעסיע באַהערשט און באַפאַלט די יידן. און אין דער אַטמאָספערע פון דער דאָזיקער גייסטיקער געשלאָגנקייט און נאַציאָנאַלער ירידה קומען אויף משיחישע דערלייזונגס־אידעען מיט טענדענצן צו אַן אַלגעמיינער פעלקער־פאַרשמעלצונג אונטער די שוץ־פליגל פון געקרייציקטן גאַלילעער.

***

דעם יידישן נאַציאָנאַלן גייסט, דעם שליח און אויסדריקער פון נאַציאָנאַלן אינסטינקט, וואָס איז דער היטער פון פאָלק, דראָט די סכנה דערטרונקען און פאַרשוואומען צו ווערן אינעם אַרומיקן פרעמדן געצנדינערישן ים לעולם ועד, און דאָס פאָלק צום אונטערגאַנג.

דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט דערזעט אָבער די דאָזיקע געפאַר. ער הייבט אָן האַרטעווען דעם יידישן גייסט, איבערשמעלצן און איבערשמידן אים אין אַ מעכטיקן שטאָלענעם געווער, וואָס זאָל שיצן די אומה פון אַלע צעשטערערישע ווינטן.

***

די אָנגעהויבענע אַרבעט, וואָס איז נאָך אָנגעהויבן געוואָרן אין יבנה — די גייסטיקע קוזשניע, וואָס האָט פאַרלייגט רבי יוחנן בן זכאי נאָך אויף דער שוועל פון אונטערגאַנג פון מלוכהשן צענטער אין יהודה — האָט געדאַרפט זיין דער גורם פון ירושלים של מעלה אָנשטאָט דעם אונטערגעגאַנגענעם ירושלים של מטה.

די נייע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע ראַם האָט געדאַרפט פאַרטרעטן די אונטערגעגאַנגענע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע; זי האָט זיך געדאַרפט אָנפילן מיט אַ גייסטיקן אינהאַלט פון אַ הויכער נאַציאָנאַלער שפּאַנונג און פון אַ נאַציאָנאַלן ווערט. זי האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן און פאַרשטאַרקן דעם סערום פון נאַציאָנאַלן אָנהאַלט און אויפהאַלט; זי האָט געדאַרפט פאַרטיפן און פאַרהאַרטעווען די יידישע פּסיכיק, און דערהייבן און שטייגערן דעם יידישן מוט און שטאָלץ.

## די חכמי התלמוד

די דאָזיקע אַרבעט האָבן פאָרגעזעצט די נאָכפאָלגער פון בן־זכאי, די חכמי התלמוד, וואָס האָבן ווייטער געפאָרעמט און געשטאַלטיקט דעם יידישן גייסט אין הסכם מיט דער נאַציאָנאַלער נויטווענדיקייט.

די אַריינטייטשונגען און אויסטייטשונגען פון דער תורה מיט דער הילף פון די דרייצן מידות האָבן געדאַרפט נאָרמירן, רעגולעמענטירן דאָס גאַנצע לעבן פון ייד האַלטנדיק אים אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע פעלקער. דער שטרענגער לעבנס־באַנעם פון די מצוות־מעשיות, איז געווען די רייף, וואָס האָט אָפּגעהיט פון נאַציאָנאַלן צעפאַל און צעשיט. דאָס איז געווען די נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייט פון דער צייט און דער רוף פון נאַציאָנאַלן לעבנס־אינסטינקט, וואָס דער נאַציאָנאַלער גייסט האָט אויפגעכאַפּט און אים בשלימות אויסגעפירט.

זיי, די חכמי התלמוד האָבן מיט דער הילף פון דער הלכה און אגדה, געשטאַלטיקט און געפעסטיקט — דאָס יידישע לעבן אויף דורות. — די הלכה האָט זיך, דורכן אַרויסדרינגען איר פון דער טראַדיציע פונעם עבר, (אויפן יסוד פון חומש און משנה) זיך אויסגעווירקט, צו פאַרגאַנצן און נאַציאָנאַל צו אָרדענען דאָס לעבן פונעם פאָלק. —

די אגדה וואָס פאַרהערלעכט און באַפּוצט מיטן אָרעאָל פון לעגענדע־שימער, אַלדאָס אָפּגעלאָפּענע קערנדיקע, — פון פאַרגאַנגענעם פאָלקס־לעבן, אַרויסהייבנדיק זיינע פאַטריאַרכאַלע געשטאַלטן און אויסדערוויילטע העלדן, האָט אין פאַרבינדונג מיטן דאָזיקן עבר, אויך אויסגעטרוימט די וויזיע פון זיין ליכטיקער נאַציאָנאַלער צוקונפט. זי האָט אַזוי־אַרום געשטאַרקט און באַפליגלט דאָס ווירקלעכע, קעגנווערטיקע לעבן פונעם פאָלק. — מיט אָט די ביידע געציייגן, — האָבן די תלמוד־געלערנטע געצילט צו פאַרפעסטיקן, פאַראייביקן און פאַראייגענען, דעם נאַציאָנאַלן גייסט ביים שווער־געפּרוווטן פאָלק.

## די גאונים און מפרשים

זייער אַרבעט האָבן נאָכגעפאָלגט די גאונים און מפרשים, וואָס האָבן זיך באַמיט אויסצוקלאָרן, מברר צו זיין, יעדע סוגיה און נישט קלאָרן הלכה־געדאַנק. זיי האָבן געדאַרפט פאַרשטאָפּן יעדן שפּאַלט און בלויז פון ספק און נישט קלאָרקייט, וואָס ס'האָט זיך

געקאָנט באַווייזן אין דער צוגעגרייטער פעלדזיקער מויער פון די חכמי התלמוד. —

זיי האָבן אויך שטיצנדיק זיך אויפן אייגענעם פאָרשן און מעטאָדאָלאָגישן דענקען, אָנגעהויבן צונויפזאַמלען און סיסטעמאַטיזירן אַלע צעוואָרפענע הלכות, מנהגים און דינים. גלייכצייטיק האָבן זיי אָנגעהויבן צו שלייפן און שאַרפן דעם יידישן רעליגיעזן געדאַנק און וועלט־באַנעם, דערבערנגענדיק אים צו דער מדרגה פון אַן אויסגעאַרבעטן פילאָזאָפישן סיסטעם.

די דאָזיקע אויפגעקומענע רעליגיעז־פילאָזאָפישע ווערק, האָבן אַ דאַנק זיי, זיך .שוין געקאָנט פאַרמעסטן מיט די איבעריקע וועלטער־פילאָזאָפישע סיסטעמען פון זייער צייט, פאַרשאַפנדיק כבוד און אָנזען דער יידישער מחשבה.

***

דאָס אַליך האָט צוגעהאָלפן צום אַריינדרינגען און פאַרוואָרצלען זיך פון נאַציאָנאַלן גייסט, און דער יידישער פסיכיק. דורך די דאָזיקע מיזאַמע דורותדיקע אַרבעט, איז דער „באָדן" פון דער יידישער פסיכיק, געוואָרן „אויפגעאַקערט" ווי אַ פעטע שוואַרץ־ערד, מאַכנדיק איר רייף אַריינצונעמען אין זיך די פאַרזייטע קערנער פון דעם גייסט פון ישראל־סבא. —

דורך די חכמי התלמוד, גאונים און מפרשים. דורך די ר' סעדיהס, הלויס, גבירולס, אבן־עזראס, אברבנאלס, רמב"נס, און אַנדערע יידישע מפרשים און דענקער, וואָס האָבן אָפגעהיט און אַרויסגעבראַכט דאָס אייגנאַרטיקע פון דער יידישער מחשבה און פאָרשטעלונג, האָט זיך ווייטער מאַניפעסטירט און קאָנטינואירט דער נאַציאָנאַלער גייסט, ווי דער אויסדרוק פון נאַציאָנאַלן אינסטינקט, צו קיום און המשך.

## דער חסידיזם

דער געבורט פון חסידות אינעם שוים פון יידישקייט, איז געקומען ווי אַן אַנטפּלעקונג פון אַ נייער וואונדערבאַרער פאָרם פון

נאַציאָנאַלן גייסט. דער אויפשפּראָץ פון דער נייער זאַפטיקער פרוכט (פון ריינעם חסידות) אויפן בוים פון ישראל סבא, איז געקומען אין אַ צייט, ווען דער טרוקענער מתנגדיזם, די פאַרשאַרפטע לאָגיק און דער פאַרשפּיצטער האָר־שפּאַלטנדיקער פּלפּול, האָט פאַרכאַפּט די לומדישע מוחות, פאַרשטאָפּנדיק אַלע לויטערע קוואַלן פון געפיל און נשמה־וואַרעמקייט. אין אַ צייט, ווען די טרוקענע מדבר־היץ פון דער כחוט־השערה אויסגעשאַרפטע הלכה, האָט געדראָט צו פאַרניכטן יעדן שפּראָץ פון עמאָציאָנעלן גייסט. —

***

די אין גלות אונטערדריקטע יידישע נשמה, האָט געלעכצט און געבענקט נאָך אייגענער אינעווייניקסטער וואַרעמקייט. אין דער אַרומיקער חשכות און אייזיקער קעלט פונעם יידישן לעבן, האָט זי געזוכט אַן אייגענעם שטראַל ליכט, וואָס זאָל ווי טוי אויפגיין פון אייגענעם אינעווייניק, — פון די טיפסטע טיפענישן פון דער אייגענער פּנימיות, און זאָל דערוואַרעמען דאָס האַרץ און געמיט. אַנטוישט און זייענדיק פאַריאושט פון דעם „עולם שבאתגליה" (אַנטפּלעקטע וועלט), נישט געפינענדיק אין איר קיין טרייסט און אָנהאַלט, האָט זי געזוכט און געווענדעט אירע אויגן צו דעם „עולם שבאתכסיה" צו דער פאַרבאָרגענער וועלט.

באַליידיקט און אונטערדריקט האָבן זיך געפילט די יידישע מאַסן סיי מחוץ, און סיי פון די אייגענע לומדישע און גבירישע פאַרזאָרגערס. אַ גראָבע מחיצה האָט אָפּגעטיילט די וואויל־לערנערס, תקיפים און די גבירים פון פאָלק. דער שומער־שיין פון דער פאָלקס־אגדה, און דאָס ליכט פון דער סאָציאַלער עטיק האָט געצאנקט ווי אַן אויסגייענדיק גראָשן ליכטל.

די ניצוצות פון קדושה, (הייליקע פונקען) און די עטיש־עסטעטישע שיינקייט, האָבן געוואַרט אויף די „יודעי חן" זיי זאָלן זיי אַרויסציען, לייטערן, און געבן זיי אַ געהעריקן תיקון. — און נישט זעענדיק קיין שום ליכט פון דרויסן, קיין שום בשורה־אָנזאָג, האָבן זיי געזוכט און געוואַרט אויפן „ טמיר ונעלם" (דעם גערעכטן מענטש, דעם צדיק). ער זאָל פון זיי אַרויסאַנטפּלעקן דאָס אינעווייי־

ניקסטע פאַרבאָרגענע ליכט, וואָס זויגט פון די קוואַלן פון „אור הגנוז" (פאַרבאָרגן אור־ליכט). ער זאָל פון זיי אַרויסציען די טליענ־דיקע קדושה־פונקען, פון אונטער דעם טומאהדיקן באַרג אַש...

די פאַרשטויסענע און אין פאַליש פאַרווינקלטע עמי־הארצים, האָבן פּסיכיש רעוואָלטירט, קעגן די זיך אַליין באַשטימענדיקע „אויי־בער־מענטשן". זיי האָבן געוואָלט צעשטערן די צווישן זיי אַוועקגע־שטעלטע קינסטלעכע ווענט. האָבן זיי זיך דעריבער מיט פרייד גע־וואָרפן אינעם שוים פון אויפקומענדיקן נשמהדיקן חסידות, וואָס האָט געלערנט: נישטאָ זענען, קיין נידעריקע און העכערע מענ־טשען! קיין מאָסע און אויסדערוויילטע. פאַר דער השגחה עליונה זענען אַלע גלייך. „שלא להטיל קנאה במעשי בראשית".

די געקומענע פון באַשאַף, זאָל נישט דאַרפן מקנא זיין איינער דעם אַנדערן.

***

דאָס ריינע חסידות האָט געראַטעוועט דעם יידישן גייסט, פון פאַרלירן זיינע נאַציאָנאַל־פאָלקס־טימלעכע זאַפטן. זי האָט אים אָפּגעהיט פון דער איינזייטיקער גייסטיקייט. זי האָט צוריקגע־שטעלט דעם גלייכגעוויכט צווישן גייסט און עמאָציע, צווישן ריי־נעם געדאַנק און געפיל. צווישן הלכה און אגדה־טרוים. און זי האָט אַזוי־אַרום געשטאַרקט דעם נאַציאָנאַלן לעבנס־עלעקסיר ביים פאָלק.

***

אונטער די גראָבע שאָלעכצן, אונטער די שפּעטער פאַרגרעבט געוואָרענע אויסערלעכע פאָרמען, האָט זיך געפונען דער אינעווייי־ניקסטער קערן, די נשמה פון חסידות. אַ נשמה פול מיט שיינקייט און דערהויבנקייט; אַ „תפארת שבתפארתדיקע", אויסגעהאַקט פון דעם קלאָרסטן אַלבאַסטער־שטיין פון „היכל דקדושה" (פּאַלאַץ פון הייליקייט). זי האָט אַריינגעבראַכט אומשאַצבאַרע אוצרות פון עטישער געלייטערטקייט, סאָציאַלער עטיק און פאַנטאַזיע־דערהויי־בענקייט. זי האָט צווישן חסיד און חסיד, צווישן מענטש און מענטש, אַריינגעבראַכט נישט נאָר אַ „התקרבות הנפש", אַ נשמה־

דערנענטערונג, נאָר אויך אַ פּשוטע פּיזישע. — אין זייער סאָציאַלן
לעבן, צווישן זיך האָבן די חסידים נישט געוואוסט פון קיין שום
שייד־וואַנט. גאָרנישט, האָט אין דער ווירקלעכקייט אָפּגעטיילט איי־
נעם פון אַנדערן, ווי הויך דער אַנדערער זאָל נישט שטיין אויפן לייי־
טער פון לומדות, חשיבות און מאַטעריעלן מעמד. די באַנעמונג און
הילפס־גרייטקייט צווישן זיי, איז געווען אַן אָפּענע, אַ מענטשלעך־
האַרציקע.

דער עלעמענט פון התלהבות; דער חסידישער פלאַם, איז גע־
ווען דאָס נשמה־פייער, וואָס האָט אים דעם חסיד איבערגעגליט אין
אַ נייעם מענטשן. — די שמחה, דאָס חסידישע פריידי־געפיל, האָט
פאַרטריבן פון אים יעדן שאָטן פון עצבות (טרויער), וואָס איז דער
טאָטשעגדיקער וואָרעם פונעם לעבן. עצבות, לערנט חסידות, איז
עבודה זרה, איז טומאה שבטומאה (סאַמע אומריינקייט). און גאָר־
נישט דאַרף פאַרהאַלטן דעם פריידיקן שטראָם, פונעם מענטשנס
לעבן. און פונקט ווי צווישן זיך, אין זייער ערדישער באַציאונג, טאָר
נישט זיין קיין מחיצה, אַזוי דאַרף אויך נישט זיין קיין מחיצה, צווישן
מענטש און אוניווערס (וועלט), לערנט די חסידישע „התדבקות"
(באַהעפטיקייט). דער מענטש דאַרף זיך אַליין, אַריבערשפּאַנען. —
איבער „זיך" אַריבערגיין, און צונויפגיסן זיך, מתיחד זיין זיך, מיט
אים אַליין, מיטן אחד. — (סוד היחוד) און מיט די דאָזיקע עלע־
מענטן: מיט דעם חסידישן ברען, מיט דער באַהעפטיקייט, און התק־
קרבות, האָט דאָס עכטע חסידות ווי איבערגעקנאָטן, „איבערבאַ־
שאַפן" די יידישע נשמה. דורכן פלעגן געטריישאַפט און לייבלעכע
צוגעבונדנקייט פון איין ייד צום אַנדערן; דורכן אַוועקשטעלן אין
פאָדערגרונד די ס אָ צ י אַ ל ע ע ט י ק; אַרויסווייזנדיק ממשות־
דיקע הילפס־גרייטקייט, דורכן נאַטירלעכן השתפכות־הנפש אָן יעדן
צוים און פאַרשטעל; דורך דער אָפענער האַרציקייט, נישט זייענ־
דיק געשמינקט און געפודערט פון דער געמאַכטער „העפלעכקייט",
האָט זי אַריינגעבראַכט עטיש־עסטעטישע שיינקייטן, און די ווערט־
פולסטע מענטשלעכקייט־עלעמענטן אין דער מחנה. וועקנדיק און מונ־
טערנדיק זיין אינערלעכן גלויבן, האָט זי צוזאַמען מיטן קרעפטיקן
פריידי־געפיל וואָס זי האָט אים געגעבן, אויך געפלאַסטערט זיין ווייי־

טערדיקן לעבנס־וועג, און האָט פאַרטיפט די אהבת ישראל. אויסער דעם האָט זי אַרויסגעהויבן ביים ייד יעדן געפיל פון פאָלקסטימ־לעכקייט, און האָט אויפגעהויבן און געשטייגערט זיין מענטשן־ווירדע.

***

די חסידישע גרויסע גייסטער, האָבן די פאָלקס־מאַסן אויפגע־הויבן צו זיך. זיי האָבן זיי מקרב געווען, דערצויגן און געלערנט אויף זייער אייגענער פאַר זיי צוטריטלעכער שפּראַך און אופן פון באַנעם, די טיפסטע, דערהויבנסטע געדאַנקען און השגות. זיי האָבן נישט וואולגאַריזירט זייערע תורות, זיי האָבן נישט פאַרשונדע־וועט און פאַראומרייניקט זייערע געדאַנקען־מעשהלעך און משלים, נאָר זיי האָבן זיי פּאָפּולאַריזירט אויפן ריינסטן אופן. זיי האָבן אַזוי־אַרום אַריינגעבראַכט אַ נייעם האַרציקן פאָלקס־שטייגער, און האָבן געפלעגט און געווירדיקט די יידישע שפּראַך ביים פאָלק, מאַכנדיק פון איר, זייט ביי זייט מיט לשון קודש, פון וועלכער זיי האָבן גע־שעפּט זייערע תורות, אַן אָפּהאַלטנדיקן פאַקטאָר פון פאַרפרעמדונג און אַסימילאַציע.

***

דורך דעם אַלעמען, האָט דאָס חסידות, נישט געלאָזט דעם אַלטן יידישן תוכן פאַרגליווערט ווערן. — זי האָט דעם אַלטן יידישן קערן אַרויסגעהויבן, אים אָנגעקליידט אַ נייע איידעלע פאָרם, אַ יידיש־מענטשלעכע, אַ מענטשלעך־יידישע...

## די השכלה און עמאַנציפּאַציע צייט

די השכלה און די עמאַנציפּאַציע־עפּאָכע נאָך איר האָבן צע־שטערט די יסודות פון יידישן גייסט. די ווענט פון דער אַלטער נאַ־ציאָנאַלער פעסטונג האָבן באַקומען לעכער און שפּאַלטן. ווי אַ מאָל די יידישע העלעניסטן אין יהודה, וואָס האָבן זיך ווי פייער־פליגן געצויגן צום פרעמדן פאַרצערנדיקן פייער, האָבן אויך אַ טייל יידן

פון דער עמאַנציפּאַציע־צייט זיך געצויגן צום בלענדענדיקן פּאַרפּי־רערישן פייער פון דער פרעמדער קולטור. פאַרשיכורט פון אויסערלעכן גלאַנץ און פאַלשן ליכט, וואָס האָט געצויגן איר יניקה פון אַ געפעלשטן פאַרגעצנדינערישן יודאַאיזם, האָבן זיי די דאָזיקע שימערירנדיקע קופּערנע מטבע אָנגענומען פאַר אַן עכט גאָלדענער.

נישט וואָרצלענדיק טיף אין די אייגענע ווערטן און נישט באַגרייפנדיק זייער טיפן פּסיכאָלאָגישן און עמאָציאָנעלן זין, האָבן זיי אין גאַנצן אַראָפּגעוואָרפן דעם יידישן לבוש און געבליבן שטיין הפקרדיק נאַקעט.

דעם באַשיידענעם, אויסערלעך־מאַטן, אָבער אינערלעך געגנוג פינקלדיקן יידיש־מענטשלעכן גייסט, האָבן זיי אַנטקעגנגעשטעלט דעם גלאַנץ פון דער אייראָפּעאישער קולטור, וואָס באַזירט זיך אין איר עיקר אויפן דרייבונד פון מאַכט, עראָטישן און אַוואַנטוריסטישן שונד (מיטן אויסנאַם פון ריינעם וויסן און געדאַנק).

און אַזוי האָבן זיי זיך געגליטשט אין אָפּגרונט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרלייקענונג, ביז זיי זענען אין גאַנצן פאַרשוואונדן פון אייגענעם האָריזאָנט.

## דער פּאָליטישער ציוניזם

געראָטעוועט די לאַגע האָט די אויפגעוואַכטע נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון סוף ניינצנטן יאָרהונדערט, באַקרוינט מיטן אויפקומענדיקן פּאָליטישן ציוניזם. די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און דער פאַרשטאַרקטער אַנטיסעמיטיזם אין מערב־אייראָפּע האָבן באַוויזן, אַז די האָניק־צייט, ווען די אָרעמס פון דער אייראָפּעאישער קולטור האָבן זיך ווי די בלעטער פון אַ מימאָזע ברייט צעעפנט, איינצוקלאַמערן אין איר שוים די לייכטזיניקע, לעכצנדיקע זין פון ישראל, איז שוין פאַרביי. און דער בעסערער טייל פון די מערב־אייראָפּעאישע יידן האָבן זיך גענומען אויסטשוכן פון זייערן אַסימילאַציע־שיכרות.

האָט טאַקע דעמאָלט געקענט דערשיינען אויפן פאָרום פון אייראָפּע אַזאַ כוח פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישן געדאַנק ווי דער ד״ר הערצל, וואָס איינער פון זיינע עיקר־געדאַנקען איז געווען: „פאַרן

אומקער צום ציוניזם מוז פריער פאָרקומען דער אומקער צום פאָלק". וואָס איז דאָס זעלבע ווי: פאַרן באַהעפטן זיך מיטן לאַנד מוז פריער פאָרקומען דאָס באַהעפטן זיך מיטן נאַציאָנאַלן גייסט.

***

אָבער די געדאַנקען פון פאָליטישן ציוניזם צו נאַציאָנאַלער דערלייזונג און באַפרייאונג דאַרף נישט נאָר זיין אַ מיטל צו אַ פּיזיש-ביאָלאָגישער דערהאַלטונג פון פאָלק. נאָר אויך צו זיין נאַציאָנאַלע דערהאַלטונג ווי אַ יידיש פאָלק, און דער עיקר צו אַ נאַציאָנאַל-גייסטיקער דערוואַכונג, וואָס זאָל פאַרשטאָפּן די בלויזן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין די ווענט פון דער אַלטער פעסטונג פון ישראל סבא.

די בלויזן וואָס זענען אויפגעקומען דורכן לויז ווערן פון די רעליגיעזע באַנדן פון איין זייט, און מיט דער צעררודערונג וואָס ס'האָבן אַריינגעבראַכט אינעם יידישן לעבן די דערוואַכטע „גליקן" פון דער מערב-ציוויליזאַציע. ווי אויך דער כלומרשט נייער שיין פון מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, וואָס איז אויפגעקומען אינעם מזרח, און וואָס פירט אין רעזולטאַט צו אַ נייעם אופן פון אַסימילאַציע, צו אַ גענצלעכער פאַרשווינדונג פון יידישן פאָלק. און דאָס קאָן געשען, נאָר דורך אַ פאַרטיפונג פון יידישן נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע יסודות פון יידנטום און אַזוי אַרום איז צוריקגעבן זיין אַמאָליקע קראַפט און ווירקונג.

## דער נאַצי־קאַטאַקליזם

די טראַגישע פאַרשניידונג פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק דורכן היטלעריזם האָט נישט נאָר אָפּגעשוואַכט דעם במותדיקן כוח פונעם פאָלק, נאָר האָט אויך אַריינגעבראַכט אַ חורבן הנשמה ביי אַ גרויסן טייל לעבן-געבליבענע יידן.

די לעצטע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע האָט געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אויך דעם יידישן גייסט. זי האָט דערשיטערט דעם ווערטפולסטן עלעמענט פון נאַציאָנאַלן גייסט, דעם יידישן מוט און

שטאָלץ. זי האָט אַריינגעבראַכט קאָמפּלעקסן פון פּחד און מורא אין די נשמות פון די יידן און האָט צעטרייסלט דאָס נאַציאָנאַלע פול־וועדטיקייט־געפיל וואָס אין זיי. און די דאָזיקע נאַציאָנאַל־גייס־טיקע קאַטאַסטראָפע וואָלט אָנגענומען מוראדיקע פאָרמען, ווען נישט די אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה. און ווידער האָט דער ציוניזם טיילווייז געראַטעוועט — אָבער נאָר טיילווייז, ווייל דער חורבן הנשמה איז נאָך גענוג גרויס אפילו נאָכן אויפקומען פון דער מדינה. דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין געפינט זיך נאָך ביים גרעסטן טייל אין אַן אויסערגעוויינלעכן שפל המדרגה. יידן לעבן נאָך היינט אויך ווי מאַראַנען, הגם עס דראָט זיי נישט קיין אינקוויזיציע. און דער דאָזיקער פּראָצעס פון מינדערווערטיקייט האַלט אָן נישט נאָר ביי פאַרגרעבטע פאַרמאַטעריאַליזירטע יידן, נאָר צו אונדזער ווייטיק אויך ביי אַ טייל ציוניסטן אין די תפוצות.

***

די טראַגעדיע פון אונדזער היינטיקן דור באַשטייט בכלל אין איינעם תהום צווישן מחשבה און מעשה; צווישן וואָרט און טאַט; צווישן טעאָריע און פּראַקטיק. און הגם אַ געוויסער אונטערשיד צווישן גערעדטן און געטועכעם איז שטענדיק געווען און וועט זיין, ווייל דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער שוואַכקייט און באַגרענעצונג פון דער מענטשלעכער נאַטור, איז אָבער קיין מאָל דער אונטערשיד נישט געווען אַזוי גרויס ווי היינט.

דער רעליגיעזער ייד, וואָס איז מקיים די מצוות התורה, לעבט מער־ווייניקער זיך אויס אין זיין קולטור. ער איז אין הסכם מיט איר. צווישן זיין גלויבן און זיינע מעשים איז פאַראַן אַ גאַנצקייט, אַ האַרמאָניע. נאָר די יידן, וואָס נעמען אויף זייער נאַציאָנאַליזם ווי אַ בלויזע אַבסטראַקציע וואָס איז צו גאָרנישט מחייב, האָבן אַ פול מויל מיט יידישער קולטור (נישט וויכטיק אין וועלכער שפּראַך), מיט ציוניזם, מיטן יידישן פאָלק א. אַז. וו., געבן אָליין נישט קיין פולע יידישע דערציאונג זייערע קינדער און זאָרגן נישט פאַר זייערע אייגענע יידישקייט־יורשים.

ווייל דאָס בלויזע אַבסטראַקטע אויפנעמען פון נאַציאָנאַלן גע־

דאַנק, דאָס נישט אויסשפּילן אים מיט עפּעס, נישט לעבן מיט אים, און אים איבערלעבן; נישט קאָנקרעטיזירן אים, דערפֿירט צו אַ ליידיקייט, צו אַ נשמה־אויסגעהוילטקייט; און בלויזן, ליידיקע ער־טער, גיבן די בעסטע מעגלעכקייט פֿאַרן אַריינרייסן זיך פֿון פֿרעמ־דע צעשטערערישע ווינטן. —

אוודאי איז שווער פֿאַר אַ נישט־גלויביקן אויסצולעבן זיך אין די שטרענגע דאָגמעס פֿון דער יידישקייט, בפֿרט אויסצופֿירן אַ פֿאָר־מאַליסטישן צערעמאָניאַל, וועמענס לאָגישער זין איז שוין לאַנג אָפּגעפֿרעגט. עס זענען אָבער פֿאַראַן גענוג יידישקייט־עלעמענטן, וועמענס ווערט און נוץ איז פֿון אַן אייביקן נאַציאָנאַלן און מענטש־לעכן דויער. —

דאַרף מען אַרויסנעמען אַזעלכע מצוות און פֿירונגען, וועלכע לייטערן און דערהייבן דעם מענטש, די מענטשלעכע פּערזענלעכ־קייט, און פֿירן צו אינדיווידועלער הייליקייט און גערעכטיקייט, און במילא צו אַ נאַציאָנאַלער איינהייט און האַרמאָניע. אויך אַזעלכע פֿירונגען און טראַדיציעס, וועמענס זין איז צו שטאַרקן, קרעפֿטיקן די יידישע פֿאַמיליע ווי אויך דעם יחיד ווי אַ רינג אין דער קייט פֿון דער אומה. בקיצור: אָנשטאָט אַ בלויזע אַבסטראַקציע, וואָס בינדט נישט און פֿאַרבינדט נישט און איז צו גאָרנישט מחייב, דאַרף מען דעם נאַציאָנאַלן גייסט אַריינפֿירן אין קאַנאַל פֿון פֿיר און אויס־פֿיר. און דאָס דאַרף קודם־כּל זיין די אויפֿגאַבע פֿון ציוניזם, ווי פֿון יעדער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

און ציוניזירן, יידישן די תּפֿוצות מיינט: אויסברייטערן און פֿאַרטיפֿן דעם יידישן נאַציאָנאַלן גייסט לטובֿת דעם קיבוץ־גלויות, לטובֿת דער מדינה אַליין און דער עיקר: פֿאַרן אייביקן קיום פֿונעם גאַנצן יידישן פֿאָלק.

# די אייגנטימלעכקייטן פון דער יידיש-נאציאנאלער פסיכיק

האָט די יידיש־נאַציאָנאַלע פּסיכיק — די נשמה פון יידישן פאָלק — באַזונדערע אייגנשאַפטן, וואָס טיילן זי אוים פון דער פּסי־כיק פון אַנדערע פעלקער, און צי קענען מיר די דאָזיקע אייגנטימ־לעכקייטן פון עפּעס אַרויסדרינגען, זיי דערקענען?

אויף די דאָזיקעביידע פראַגן קאָנען מיר באַשטימט ענטפערן:

יאָ!

***

מיר דרינגען אַרוים די אייגנשאַפטן פון יידישן פאָלק, פון זיינע האַנדלונגען, פון זיין באַזונדערן גאַנג אינעם לעבן פון דער מענטש־הייט, און דער עיקר פון די געדאַנקען און פאָרשטעלונגען, וואָס דער נאַציאָנאַלער פענאָמען האָט אַרויסגעבראַכט און האָט פאַר זיי אַזוי עקשנותדיק געקעמפט.

און אויב מיר האָבן נישט פאַר זיך קיין פאַרטיקע געשיכטע פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער פסיכיק, ווי מיר האָבן נישט קיין אויסגע־אַרבעטע סיסטעמאַטישע קאָנצעפּציע פון דער יידישקייט בכלל, קאָנען מיר אָבער אָנצייכענען אירע קאָנטורן און הויפּט־שטריכן, אויפן גרונד פון די ביבלישע און שפּעטערדיקע מקורים, וואָס זע־נען פאַראַן אין אונדזער רשות, ווי אויך אויפן גרונד פון יידישן לעבן בכלל.

## די יידישע מיטאָלאָגיע

שוין אין דער יידישער מיטאָלאָגיע, אין דער באַשרייבונג פון אור־צייט פון באַשאַף, וואָס ווערט אונדז איבערגעגעבן אין דער

סדרה פון בראשית, זעען מיר די אַנדערשטקייט, די באַזונדערקייט פון יידישן באַנעם און גערדאַנק, וואָס איז לויטער גייסטיקע ריינקייט — גייסט, פאַרגייסטיקטע פאָרשטעלונג פון דער העכסטער מדרגה.

שוין דער דאָזיקער ערשטער אַרויספאָר אויפן שליאַך פון אונדזער נאָך קינדערישן נאַאיוון באַוואוסטזיין באַווייזט דעם גע־וואַלדיקן אונטערשיד צווישן אונדז און אַנדערע, צייכנט אָן די שטריכן און קאָנטורן פון דעם אופן פון אונדזער פסיכישן אויפנעם.

***

מיר הייבן באַלד אָן מיט אַ גאָט וואָס איז דער באַשעפער פון אַלץ און אַלעמען, מיט אַ בורא וואָס איז מחוץ פון יעדן פיזישן און קערפּערלעכן באַגריף און פאָרשטעלונג.

זיין וועזן איז לויטער גייסט. „ורוח אלהים מרחפת על פני המים" — זיין גייסט האָט אין אָנהייב געשוועבט איבערן וואַסער. (איבערן ערשטן אור־עלעמענט פון באַשאַף) — דערציילט אונדז דער חומש וועגן זיין מהותדיקן געשטאַלט (בראשית א')

זיין ערשטער שאַפונגס־אַקט איז דאָס ליכט, ער באַשאַפט קודם כל דאָס ליכט. און ווען דאָס ליכט איז שוין פאַראַן, איז זיין צווייטע אויפגאַבע עס אָפּצוזונדערן פון פינצטערניש.

„ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור!", ער האָט געזאָגט: עס זאָל ווערן ליכט און ס'איז געוואָרן. „ויבדל אלהים בין האור ובין החושך". און ער האָט אָפּגעטיילט דאָס ליכט פון דער פינצטערניש. (דאָרט).

און אַזוי גייט ווייטער די שילדערונג פון באַשאַף, אַ שילדערונג פון סיסטעמאַטישער אָרדענונג, פון אַריינברענגען האַרמאָניע אין די זאַכן און דערשיינונגען.

און פון דאַנען קומען מיר צו צום מענטש. „ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו כדמותנו. ויברא אלהים את האדם בצלמו בצלם אלהים ברא אותו" (דאָרט).

אלהים האָט געזאָגט: לאָמיר באַשאַפן דעם מענטשן אין אונד־זער פאָרם און געשטאַלט און ער האָט אים באַשאַפן אין זיין פאָרם, אין גאָטס פאָרם, האָט ער אים באַשאַפן.

**
*

די יידישע פֿאָרשטעלונג, וועמענס עיקר איז גייסט; פֿאַרגייס־טיקן אַלץ, האָט באַלד אין זיין מיטאָלאָגיע־געשיכטע: אין גאָר זיין אָנהייב, אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז נישט דער מענטש דאַרף זיין גאָט פֿאַרמענטשלעכן, געבן אים די אייגנשאַפֿטן פֿון די מענטשן. אייגנשאַפֿטן פֿון רויבן און מאָרדן, פֿוןווילדקייט און הפקרות, ווי ביי די גריכן, נאָר דער מענטש דאַרף זיך אַליין, אין גאָט פֿאַרגעט־לעכן. — ער דאַרף זיך דערהייבן צו די העכסטע געטלעכע הייכן, ווייל ער איז געשאַפֿן אין גאָטס געשטאַלט. שוין דורך דעם אַליין ווערט דער מענטש אַרויסגעהויבן איבער אַלץ. עס ווערט אים גע־געבן די מעגלעכקייט צו שטייגן צו די העכסטע עטישע באַרג־שפּיצן.

אָט די דאָזיקע ערשטע גרונד־ליניע האָט שוין געשאַפֿן די שאַרפֿע שייד־וואַנט צווישן דער יידישער און נישט־יידישער פּסי־כיק.

**
*

פֿון דער דאָזיקער גרונד־הנחה זענען מיר דערגאַנגען צו פֿאַר־גייסטיקן אַלע מאַטעריעלע דערשיינונגען, און נישט פֿאַרקערט: גייסטיקע דערשיינונגען צו פֿאַרקערפּערלעכן.

אונדזער גאָט איז אַ מאַטעריעלאָזער, כולו גייסט... זייערע זע־נען מגושמדיקע, אין סקולפּטור געגאָסענע, אַנטאַפּנדיקע. זיי האָבן דעם גאָט פֿאַרמענטשלעכט מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן, און נאָך ווילדער, הפקרדיקער ווי דער מענטש.

צעאוס, דער גריכישער הויפּט־גאָט, האָט חתונה, רויבט און מאָרדעט, שיכורט און פֿרעסט. פּראָמעטעאוס ווערט דורך צעאוסן צוגעשמידט צו אַ פֿעלדז פֿאַרן אַראָפּברענגען דאָס פֿייער צו די מענטשן.

זייער מיטאָלאָגיע איז אַ מיטאָלאָגיע פֿון אַ רויבער־באַנדע אין הימלעשן דזשונגל, אונדזער מיטאָלאָגיע איז פֿאַרקערט אַ פֿאַראיידל־טע; אַ דערהויבענע. ווייל גאָט האָט גערוט דעם זיבעטן טאָג,

דאַרפסטו אויך רוען — דו און דיין אייזל און דיין קנעכט. ווי ער איז הייליק — דאַרפסטו אויך זיין הייליק.

## אונדזער הויפּט־פיגור

אונדזער ערשטע הויפּט־פיגור אין באַגינען פון אונדזער געשיכטע, אברהם, איז מיט אַזאַ עטישער און מענטשלעכער פיינקייט געשניצט, אַז ס׳איז נישטאָ צו אים קיין גלייכן. ווי נאָר ער דערזעט אורחים און דאָס גאַנצע דריי לאָזט ער זיי נישט אָפּ און זיי מוזן ביי אים אָפּרוען און עסן (וירא א׳). ווען עס ברעכט אויס אַ קריגעריי צווישן אברהם און לוטס פּאַסטוכער, זאָגט ער: „צו וואָס די קריגערייען, מיר זענען דאָך אַלע מענטשן, ברודער און די ערד איז גענוג גרויס" (לך לך י״ג).

ווען זיין ברודערז־זון לוט ווערט געפאַנגען, נעמט ער צונויף זיינע מענטשן און באַפרייט אים מיט זיין פאַרמעגן. און אַז דער קעניג פון סדום זאָגט אים: גיב מיר די מענטשן און דעם פאַרמעגן נעם דיר, ענטפערט ער: איך וועל אפילו קיין שיך־בענדל נישט נעמען פון דעם, וואָס געהער צו דיר נאָר דאָס וואָס מיינע מענטשן האָבן אויפגעגעסן (לך לך י״ז).

## דער יידישער מאָנאָטעאיזם

מיטן פּראָקלאַמירן דעם יידישן מאָנאָטעאיזם (אחדות הבורא), האָבן מיר געקאָנט ציען אַ גלייכן שנור צו איינקייט און איניקייט פון פאָלק (אחדות האומה). און דורך דער פאָלקס־איניקייט, דורכן אייגענעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם פירט אַ וויטערדיקע ליניע צו דער פאַראייניקונג פון דער גאַנצער מענטשהייט, צו וועלט־האַרמאָניע און וועלט־דערלייזונג.

פּונקט ווי פון גאָט־אחד פירט אַ גלייכע ליניע צום מענטש־אחד, צום יחיד, פאַר זיין אייגענער אינעווייניקסטער פאַראייניקונג, דערהויבנקייט און הייליקייט.

און אַז דער מענטש איז באַשאַפֿן געוואָרן „בצלמו״: אין זיין געשטאַלט, איז עס דאָך מחייב, אַז נישט נאָר ער אַליין זאָל זיך פֿאַרגעטלעכן, דערהייבן די אייגענע פּערזענלעכקייט, נאָר ער דאַרף בפועל זאָרגן אויך פֿאַרן צווייטן, פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, ער דאַרף זיין אויך סאָציאַל גערעכט.

און ער איז אויף דער ערד דער העכסטער וועזן, די העכסטע שאַפֿונג, די קרוין פֿון דער יצירה. און טאָמער איז ער אין דער ווירקלעכקייט דאָס נאָך נישט, דאַרף ער דאָס ווערן. דערפֿון דרינגט אַרויס דער גאַנצער נאַציאָנאַל־עטישער באַנעם.

און אַזוי האָבן מיר געשאַפֿן דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעז־עטישן פּאַטאָס פֿון צדק און „ואהבת לרעך״, וואָס איז אויסגעברייטעט, אַנטוויקלט און פֿאַרטיפֿט געוואָרן, דורך די נביאים.

די יידישע נביאים, וואָס האָבן מיט אַזאַ קראַפֿט געשטורעמט פֿאַר אַ סאָציאַל־גערעכטן הייליקן לעבן, האָבן געוואָלט אויפֿן גרונד פֿונעם דאָזיקן באַנעם, אויף אייביק איינפּרעסן אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכיק, דורך די געוואוינהייטן פֿון אַ גערעכטן צוזאַמענלעבן, די ווערטן פֿון אמת, סאָציאַלע גערעכטיקייט און נאַציאָנאַלע האַרמאָניע. און שוין זיי אַליין זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן נאַציאָנאַלן גייסט, ווי ווייניק זיי זענען נישט געווען, און וויפֿיל עס זאָלן נישט האָבן געווען די אַנדערע, וואָס זענען געווען אַן אָפּלייקענונג פֿון זיי. און פֿון די דאָזיקע עטישע ווערטן, וואָס מיר האָבן פּראָקלאַמירט, און נישט נאָר פּראָקלאַמירט, ווייל נישט איין זון פֿון ישׂראל האָט זיך פֿאַר זיי מקריב געווען, הגם אונטער פֿאַרשידענע פֿאַרמען און אָפֿט אין פֿרעמדע מחנות — האָבן מיר אַליין נישט איין מאָל געליטן. נישט איין מאָל האָבן מיר מקריב געווען אונדזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן; אונדזערע נאַציאָנאַלע צוקונפֿט־פּערספּעקטיוון פֿאַר אָט די אמתן.

## די איבערטריבענע גייסטיקייט

די איבערטריבענע גייסטיקייט, דער איבערוואָג פֿון גייסטיקן איבערן פּראַקטיש־מאַטעריעלן, האָט אונדז נאָך באַלד אין סאַמע אָנ־

הייב, ווען מיר האָבן געשטעלט די ערשטע קינדער־טריט אויפן נאַ־ציאָנאַל־פּאָליטישן לעבנס־וועג, געבראַכט שאָדן. דאָס האָט אין קאָנ־סעקווענץ געפירט צו אַ פּאַציפירונג פון יידישן גייסט, צו אַן אָפּ־שוואַכונג פון זיין קאַמפס־לוסט דווקא ווען ער איז געווען אַזוי נויטיק, נאָך באַלד אין אָנהייב אויפן וועג צום כיבוש הארץ (איינצונעמען כנען).

שוין זייענדיק אין קדש־ברנע, נאָענט פון דרום־כנען (נגב־כנען), מוז משה באַשליסן איבערצורייסן דעם ווייטערדיקן קריגס־צוג קעגן די כנענים, צוליבן פּחדנותדיקן, איבערגעטריבענעם באַ־ריכט פון די מרגלים, וואָס צעשמעטערט דעם קאַמפּס־לוסט און דעם דעראָבערונגס־ווילן פון די שבטים.

צוליב דעם באַשטימט משה צו לאָזן דעם דאָזיקן וויינענדיקן דור אין דער מדבר, און ערשט מיטן ניי־דערצויגענעם דור, נאָך די פערציק יאָר, פאָרצוזעצן דעם מאַרש אויף כנען. און דעם נייעם דור אונטער יהושע געלינגט ווירקלעך איינצונעמען דעם גרעסטן טייל כנען. אויך אין דער שופטים־צייט איז דער קאַמפּס־גייסט פון די שבטים נישט אַזוי געהויבן, זיי זאָלן אַרויסטרעטן געאייניקט קעגן זייערע שונאים...

* * *

אין דער צייט פון דוד המלך האָבן מיר געהאַט אַלע באַדינגונ־גען און מעגלעכקייטן אויסצוברייטערן די גרענעצן פון ארץ־ישראל, נאָר מיר האָבן זיך פון דעם אָפּגעזאָגט.

די פּרושים — אויסער אייניקע אויסנאַמען — זענען שטענדיק אַרויסגעטראָטן קעגן קאַמף. אַ טייל אפילו אין אַ נאַציאָנאַלער נויט. ס׳איז די יודאַאיסטישע טענדענץ פון שלום, פון קאָנצענטרירן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויפן גייסט.

די יידן האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין חשק צו ווערן אַן אימפּעריאַלע מאַכט. זיי האָבן געוואָלט לעבן רואיק אין זייערע גרענעצן און ווענדן די גאַנצע ענערגיע אויפן גייסט, אין אייגנאַר־טיקן עטישן לעבנס־באַנעם (יעקב כהן „אויף די וועגן פון יידישן קיום", זייט 101).

אין דער צייט פון אויפשטאַנד פון בר־כוכבא טרעטן אַרויס אַ טייל פרושים קעגן אויפשטאַנד בכלל, ווייל נאָך פון דער ערשטער מלחמה מיט די רוימער, ביים חורבן פון צווייטן בית־המקדש, האָט זיך שוין איינגעשטעלט ביי די פרושים־תנאים די פּאַציפיסטישע טענדענץ ניט צו פירן קיין מלחמה, ווי אויך דער געדאַנק פון רעזיגנירן פון פּאָליטישער הערשאַפט בכלל. און דאָס איז געווען אין הסכם מיט דער איינשטעלונג פון רבי יוחנן בן זכאי, זיך אין גאַנצן צו קאָנצענטרירן אויפן גייסט.

און אויב די חסידים־חשמונאים האָבן אין אַ פריערדיקער עפּאָכע העראָאיש געקעמפט קעגן די גריכן, ביזן אין גאַנצן פאַרטרייבן זיי פון לאַנד, האָבן זיי דאָס געטאָן צוליבן ווילן פון שונא (דורכן העלעניזם) צו פאַרניכטן דעם יידישן גייסט. —

און נאָר די מורא פאַרן אונטערגאַנג פון יידישן גייסט איז געווען דער סטימול, דער שטויס־כוח פאַרן אָנהייבן דעם געוואַגטן אויפשטאַנד, וואָס האָט דערפירט נישט נאָר צו אַ באַפרייאונג פון יידישן גייסט, נאָר צו נאַציאָנאַל־פּאָליטישער באַפרייאונג בכלל.

⁂

דער משיחיזם אין זיין מיסטישן געשטאַלט, וואָס האָט פון איין זייט גענערט די יידישע האָפענונג, האָט אונטערגעהאַלטן דעם גלויבן אין אַ נאַציאָנאַלער דערלייזונג, און פון דער צווייטער זייט האָט ער געשטערט די נאַציאָנאַלע ענערגיע פאַר קאָנקרעטע פּראַקטישע מעשים פאַרן פאָלק, איז אויך אַ קינד פון דער דאָזיקער פּאַציפיסטישער פאַרגייסטיקייט. און פון גרויסן רעליגיעז־עטישן עקסטאַז, וואָס האָט זיך אַזוי צעפלאַמט אין דער נאַציאָנאַלער פּסיכיק פון די נביאים.

אויך דער שלעכט־פאַרשטאַנענער קידוש־השם, — דער פּאַסיווער, — זיין נישט גבורהדיקער אויסדרוק צו פאַרהייליקן די ליידן ביז קרענקלעכקייט אַלס נאַציאָנאַלע פילאָזאָפיע, דאָס גיין צו דער שחיטה פון יעדן שוחט אָן קאַמף און געראַנגל, איז אַ רעזולטאַט פון דעם זעלבן אָנגעמענדיקן זיך גרונד־שטריך פון אַ פּאַציפיסטישער פאַרגייסטיקייט אין נאַציאָנאַלן יידישן מוח.

אָבער די דאָזיקע גייסטיקייט, די איבערטריבענע הערשאַפט פון גייסט איבערן מאַטעריעלן און זיין פּאַציפירונג, וואָס איז אויך אַ מאָל אַרויסגעטראָטן קעגן מאַטעריעל־פּאָליטישן אינטערעס פון פאָלק, איז אַ רעזולטאַט פון אַבסטראַקטן יידישן מאָנאָטעאיזם און זיין גרויסן רעליגיעז־עטישן פּאַטאָס, וואָס האָט זיך פון דער צווייטער זייט אויסגעווירקט ווי אַן איינהאַלטנדיקע נאַציאָנאַלע רייף פאַרן פאָלק.

און די דאָזיקע פאַרגייסטיקונג און פּאַציפירונג פון יידישן געדאַנק און לעבן איז געוואָרן איינער פון די גרונד־שטריכן פון דער נאַציאָנאַלער נשמה, פון די כאַראַקטער־שטריכן, וואָס זענען אַזוי בולט געקומען צום אויסדרוק ביי די נביאים, אין זייער אומדערשראָקענעם קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, באַשיידנקייט און פאַרן דערהייבן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט.

# פאַר וואָס זענען אונטערגעגאַנגען די עשרת-השבטים ?

פאַר וואָס זענען אונטערגעגאַנגען די עשרת השבטים?

ווען מיר רעדן פון אונטערגאַנג פון די צען שבטים, מיינען מיר נישט בלויז זייער פּאָליטישן אונטערגאַנג, דאָס פאַרלירן דעם אייגענעם נאַציאָנאַל־פּאָליטישן צענטער, די ישראל־מלוכה, ווייל אויך מלכות יהודה איז אונטערגעגאַנגען ווי אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטי־שער צענטער, האָט פאַרלוירן איר זעלבסטשטענדיקייט, נאָר מיר מיינען דער עיקר צו אַנאַליזירן און באַהאַנדלען די סיבות פון זייער פאַרשווינדונג ווי אַ יידיש־נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו, ווי אַ טייל פון דעם יידישן פאָלק. און מעגן זיך דאָ אָדער דאָרט נאָך געפונען יחי־דים, אָדער אפילו טיילן, וואָס שטאַמען אָפּ פון די ישראל־שבטים, ענדערט עס נישט דעם פאַקט פון אונטערגאַנג פונעם גרעסטן טייל פון אַמאָליקן גרויסן ישראל־פאָלק. ווייל אַט די יחידים, אויב זיי זע־נען נאָך ערגעץ פאַראַן, זענען זיי נישט במילא די גייסטיקע יורשים פון זייערע עלטערן. זייער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין און גורל־גע־מיינשאַפט מיטן איבעריקן יידישן פאָלק איז שוין לאַנג פאַר־שוואונדן, אַזוי ווי דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין פון מלכות ישראל האָט זיך שוין לאַנג געלאָשן נאָך אין די טעג פאַרן ענדגילטיקן פאַר־טרייבן זיי פון זייער שומרון־לאַנד. נישט אומזיסט פאַרצייכנט באַלד נאָך דעם ספר מלכים זייער פאַרשווינדונג, אַראָפּנעמענ־דיק זיי פון פאָלקס־חשבון, דורכן זאָג: „ויתאנף ה׳ מאד בישראל ויסרם מעל פניו לא נשאר רק שבט יהודה לבדו (מלכים י״ז).

און גאָט האָט געצאָרנט איבער ישראל, ער האָט זיי פאַרטריבן פון זיך, און ס׳איז געבליבן נאָר דער שבט יהודה אַליין.

# די סיבה פון אונטערגאַנג

די סיבה פון זייער אונטערגאַנג ליגט קודם־כל אין דער נאַציאָ־נאַל־גייסטיקער ירידה פון דער ישראל־מלוכה אַליין, אין דער ירידה פון נאַציאָנאַלן גייסט, נאָך איידער ער האָט זיך פאַרפעסטיקט און פאַרוואָרצלט אין מלוכהשן לעבן פון ישראל. די זעלבע ירידה האָט וואָס אַן אמת אויך אַדורכגעמאַכט די יהודה־מלוכה, אויך אין יהודה האָט געהערשט אַ נאַציאָנאַל־גייסטיקע הפקרות דורכן פאַר־לעצן פון צייט צו צייט דעם יהוה־קולט, וואָס איז דעמאָלט געווען דער איינציקער נאַציאָנאַלער טאַרמאָז, כדי נישט אַריינצופאַלן אין אָפּגרונט פון אייגענער און נאַציאָנאַלער צעריסנקייט און דורך דעם במילא נישט אַריינפאַלן ווי אַ לייכטער ביסן אין פיסק פון די לויּ־ערנדיקע שכנים־מלכים. נאָר מלכות יהודה האָט פאָרט אויפגעּ־האַלטן דער פאַראייניקנדיקער און נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פאַקטאָר (מער נאַציאָנאַלער) פון הייליקן משכן און שפּעטער פון שלמהס בית־המקדש אין דער נײ־רעסטאַווירטער פאַרהייליקטער הויפּט־שטאָט ירושלים.

***

דער בית־המקדש האָט טראָץ זיין קאָסטבאַרן און פאַרשווענ־דערישן כאַראַקטער, וואָס ער האָט געהאַט פאַר די יידן, מיטן פאַרשלינגען פון טויזנטער בהמות און רינדער, האָט ער אָבער אויך געגעבן אין יענער צייט זיין ווערטפולן עטיש־מענטשלעכן און נאַ־ציאָנאַלן צושטייער פאַרן פאָלק. זיין רעליגיעז־עטישן צושטייער האָט ער געגעבן דורכן אָפּציען די יידן פון די ווילדע שכנישע קולטן פון מקריב זיין לעבעדיקע קינדער צום מולך. אַז דער דאָזיקער מולך־קולט איז געווען טיף פאַרוואָרצלט ביי אַלע אַרומיקע פעלקער פון דעמאָלטדיקן מזרח, פון וועמען אויך די שבטים האָבן זיך אָפּגעּ־לערנט, באַווייזט נישט נאָר דער פאַקט פון יפתחס מקריב זיין זיין איינציקע טאָכטער נאָכן זיג איבער די עמונים (שופטים ל״ה), נאָר אויך דאָס, וואָס שוין גאָר שפּעטער האָבן נאָך די יידישע מלכים פון ביידע מלוכות, פון יהודה און ישראל, פאַרברענט ביי פאַרשי־

דענע געלעגנהייטן זייערע קינדער אויף דעם דאָזיקן מולך־מזבח (נ"ד). און דאָס טראָץ די געזעצן פון דער תורה, וואָס איז שוין געווען באַקאַנט, און טראָץ דעם אומדערשראָקענעם קאַמף, וואָס עס האָבן געפירט די פלאַמיקע נביאים קעגן דער דאָזיקער אוממענטש־לעכער אכזריות, ווי בכלל קעגן יעדער שלעכטס און אומרעכט.

***

אָבער דער עיקר האָט דער בית־המקדש געהאַט זיין נאַציאָ־נאַל־גייסטיקע אויסווירקונג פאַר די יידן. ער האָט געהאַט זיין וויר־קונג ווי אַ צענטראַליזירנדיקער און פאַראייניקנדיקער כוח און האָט געדינט ווי אַ נאַציאָנאַלער פאַקטאָר. דאָס דאַרפן קומען דריי מאָל אין יאָר עולה־רגל זיין אין בית־המקדש. דאָס פאַרבונדן זיין מיט אַן איינהייטלעך־רעליגיעזן קולט און צערעמאָניאַל האָט דערמאָנט אין זייער עבר און גענערט זייער נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. דער יהוה־קולט, ווי אַ גאַנץ באַזונדערער אייגנאַרטיקער שטייגער, האָט זיי געדאַרפט אויסטיילן פון די איבעריקע פעלקער און זיי פון זיי אָפּ־זונדערן, און במילא פאַרהאַרטעוועט זיי און פאַרשווייסן צו איין נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו. און טראָץ די אָפּנייגן פון יידישן מאָנאָטע־איזם און פונעם יהוה־קולט, וואָס אויך די יודעער האָבן זיך נישט געקענט פון זיי באַפרייען. האָט דער דאָזיקער בית־המקדש פאַרט אונטערגעהאַלטן דעם גייסט. —

דעם נאַציאָנאַל־גייסטיקן ריס אין יהודה אַליין האָט אויך גע־מילדערט, די נישט ווייטע זכרונות איבער די העלדישקייטן און פאַרדינסטן פאַרן פאָלק, פון באַגרינדער פון דער דינאַסטיע און דע־ראָבערער פון זייער הויפּט־שטאָט ירושלים, דוד, וואָס איז שוין געוואָרן לעגענדע.

און אפשר האָט אויך געמילדערט דער שימער און גלאַנץ ־פּע־ריאָד פון דודס זון שלמה, פון שלמהן דעם מלך חכם, וואָס האָט שוין נישט געדאַרפט פירן קיין שווערע מלחמות מיט די שכנים ווי זיין פאָטער דוד, נאָר אונטער וועמענס הערשאַפט די בני־יהודה האָבן געלעבט רואיק און הנאה געהאַט פון דעם פאַנטאַסטישן מיראַזש פון די כסדרדיקע הויף־אויפנאַמעס לכבוד די קעניגלעכע געסט־באַ־

זכער און צוגעטיילטן כבוד פאַר זייער קעניג, מיט די ממשותדיקע געבראַכטע מתנות. הגם די מאַסן האָבן גאַנץ געשמאַק געפילט די שווערע לאַסט, וואָס די דאָזיקע פאַרשווענדערישע צעבאַלעוועט־קייט האָט זיי געקאָסט.

***

און דאָס אַלץ האָט ישראל נישט געהאַט. ישראלס קעניגלעכע דינאַסטיע, אָנהויבנדיק פון ירבעמען, איז געווען אָן יחוס און לע־גענדאַרן שימער. שכם די געוואָרענע הויפּט־שטאָט פון ישראל, האָט מער ווי די פאָרמעלקייט פון איר באַשטימונג פאַר אַ הויפּט־שטאָט, גאָרנישט מער פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן גייסט און פאַרבינדן די צען שבטים מיט דער גע־מיינזאַמקייט פון עבר, הוה און עתיד. דאָס זעלבע דאָס שפּעטער־דיקע שומרון.

די גוטע זייטן פון דער יהודה־מלוכה האָט שכם, און שפּעטער שומרון, נישט געהאַט, מיט די שלעכטע האָט ישראל זי ווייט אַרי־בערגעשטיגן. און צום שלעכטן האָט אויך מיטגעהאָלפן דער פּאָלי־טישער אינטערעס פון די ישראל־מלכים אַליין. דער זעלבער פּאָלי־טישער אינטערעס, וואָס האָט אין יהודה דיקטירט צו פאַרטיפן דעם יהודה־קולט און זיינע נאַציאָנאַל־מענטשלעכע געזעצן, ווי אַ פאַר־אייניקנדיקער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר, האָט פאַרקערט דיקטירט דעם ערשטן קעניג פון ישראל, דעם אַמביציעזן ירבעמען, וואָס מער אַרויסצושטויסן, צו דערווייטערן דעם יהוה־קולט פון זיינע גרענעצן, אָפּצוזאָגן זיך פון גאָטס געזעצן — טאַקע דערפאַר, ווייל זיי קומען פון ירושלים, ווייל זיי ווערן פּראַקטיצירט אין יהודה־בית־המקדש, וואָס מוזן זיך אויסווירקן ווי אַ נאַציאָנאַלער פאַקטאָר; און די דאָ־זיקע נאַציאָנאַלע זייט פון דער יידישער רעליגיע, האָט אים דווקא געשראָקן.

אים האָט געשראָקן די מורא, טאָמער וועלן די ישראל־שבטים זיך אומקערן צוריק צו דער דוד־דינאַסטיע: דורכן עולה זיין קיין ירושלים, דורכן באַהעפטן זיך מיטן יהוה־קולט, וואָס הערשט נאָך אין יהודה, וועלן זיי זיך צוריק באַהעפטן און ווערן צוריק אָן אח־

דותדיק פאָלק און אַלס פאַראייניקט פאָלק וועלן זיי דאָך זיכער נישט פאַרבייטן ירושלים אויף שכם. דודס ירושה־סטעפּטער, ווי שלעכט ער זאָל נישט זיין, אויפן אָן יחוס־אבותדיקן ירבעם־קעניג. האָט ער זיך טאַקע געפּלייסט וואָס מער צו צעשטערן דעם יידישן גייסט, וואָס מער אָפּגעוואוינען די ישראלים פון זייער נאַציאָנאַלן טראַכטן, וואָס מער פאַרטיפן דעם פירוד צווישן די ערשט נעכטן פאַראייניקטע ברידער, און וואָס מער פאַרטיפן דעם פירוד צווישן דעם בשותפותדיקן נאַציאָנאַלן גייסט אַליין.

האָט ער געמאַכט צוויי גאָלדענע קעלבער אויפן מצרישן שטייגער (אַפּיס), און האָט זיי אַוועקגעשטעלט איינעם אין בית־אל פון דרום־זייט און איינעם אין דן פון צפון־זייט. און אַז די לוים האָבן נישט געוואָלט באַדינען די דאָזיקע פרעמדע געצנדינערישע מזבחות, קלייבט ער זיך אויס כהנים פון די איבעריקע שבטים, און אַליין איז ער אויך נישט פויל אין אַ יום־טוב צו פראַוועז דעם אַפּיס־קולט.

און אַזוי האָט ירבעם אין ישראל דער ערשטער צוריק איינגעפלאַנצט דעם געצנדינסט און אים סאַנקציאָנירט מיט זיין קעניגלעכער מאַכט, סאַנקציאָנירנדיק אַזוי אַרום דעם רים און אָפּשוואַכונג פון נאַציאָנאַלן גייסט פון ישראל. וואָס איז געווען דאָס ערשטע שטאַפּל צום שפּעטערדיקן אונטערגאַנג פון ממלכת ישראל און פאַרשווינדונג פון די צען ישראל־שבטים.

## די גייסטיקע און סאָציאַלע ירידה

די מהומות, וואָס אַנטשטייען אין ישראל נאָך ירבעמס טויט, ווערן אפילו איינגעשטילט דורך דעם ענערגישן און מער נאַציאָנאַל־פאָרזיכטיקן קעניג עמרי. ער שליסט דער ערשטער אַ בונד מיט יהודה, נישט צו פאַרגיסן קיין ברודער־בלוט און גלייכצייטיק צו העלפן זיך קעגנזייטיק קעגן דעם געמיינזאַמען פיינט — דאָס שלעכטס אָבער קען ער שוין נישט פאַרריכטן און ישראל גייט טראָץ די אויבערלעכע דערפאָלגן צו דער אייגענער נאַציאָנאַל־גייסטיקער ירידה. נאָכן שליסן אַ פריינדשאַפט־אָפּמאַך מיט די צידונים, נעמט ירבעם

דעם קעניג פון די צידונימס טאָכטער איזבל פאַר אַ פרוי פאַר זיין זון אחאב, דעם שפּעטערדיקן קעניג פון ישראל. אַזוי אַרום פירט אַריין די פרעמדע איזבל מיטן כוח פון איר מאַנס מלוכהשן סצעפּטער דעם געצנדינסט פון בעל און עשתרות. און צו די פריערדיקע מצרישע גאָלדענע קעלבער, וואָס ירבעם בן נבט האָט נאָך איינגעפירט, קו־מען נאָך צו די צידונישע קולטן. דאָס לאַנד ווערט פאַרפלייצט פון הונדערטער פרעמדע כהנים און כהנות. די פרעמדע קולטן און מנ־הגים צעשטערן די נאַציאָנאַלע אויסווירקונג פון יידישן מאָנאָטע־איזם. זיי צערייסן די נאַציאָנאַלע שלימות פונעם ישראל פאָלק. און אפילו די בעסערע ישראלים, וואָס קאָנען נאָך נישט פועלן ביי זיך אין גאַנצן אָפּצורייסן זיך פון יהוה־קולט, דינען אי צו יהוהן אי צו די צידונישע אָפּגעטער. און איזבל די צידונערין איז דווקא געטריי — זי איז געטריי נישט דעם פאָלק, ביי וועמען זי הערשט, נאָר זי איז געטריי איר צידונישן שטאָם און מיט אַ געוואַלדיקן אייפער און ברען רודפט זי די נביאים, די גרויסע יידיש־עטישע און יידיש־נאַ־ציאָנאַלע גייסטער, וואָס שטורעמען קעגן דער פאַרפרעמדונג פון זייער פאָלק און יידישן גייסט.

און דער גייסט פון דער פרעמדער איזבל גייט נאָך איבער אין יהודה, דורך איר טאָכטער עתליה, וועלכע האָט חתונה פאַר יהורם בן יהושפט דעם קעניג פון יהודה.

***

נאָך וויטערדיקע יאָרן פון מהומות און שווערע מלחמות, באַ־רואיקט זיך ענדלעך ישראל אונטער דער פירונג פון צווייטן ירבעם יהואש׳ס זון — אָבער נישט אויף לאַנג. דער גורל פון ישראל איז שוין געחתמעט.

צו דער גייסטיקער ירידה פונעם פאָלק קומט נאָך צו די סאָ־ציאַלע ירידה. דער שטאַרקערער האַנדל מיט די צידונים אַ דאַנק דער דינאַסטישער און קולטור־דערנענטערונג מיט זיי, באַרייכערט אַ טייל שיכטן אויף דער קאָנטע פון די אַנדערע די מערהייטס־שיכטן פון פאָלק . וואָס מער די מינדערהייט ווערט רייכער, ווערט אַלץ מער די מערהייט, די אמתע פאָלקס־שיכטן נאָכמער פאַראָ־

רעמט. עס אַנטשטייט אַ סאָציאַלע אומגלייכקייט צווישן אַ גרויסן
טייל פון פאָלק. און די דאָזיקע סאָציאַלע יווירונג מיט דער אינעווייי־
ניקסטער צעלייגונג פון נאַציאָנאַל־גייסטיקן אָרגאַניזם דערפירט די
ישראל־מלוכה צו איר סוף; פול, דער קעניג פון אויפגעקומענער
אשור, באַצווינגט ישראל. ער פאַרוואַנדלט איר אין זיין מס־צאָלנ־
דיקן וואַסאַל.

און סרגון, דער שפּעטערדיקער קעניג פון אשור, פאַרענדיקט
שוין דאָס ווערק, וואָס זיין פאָרגייער פול האָט אָנגעהויבן: ער
פאַרניכטעט די ישראל־מלוכה לעולם ועד; ער פאַרטרייבט די עשׂ־
רת השבטים אין ווייטע לענדער און זיי ווערן אַזוי אַרום אין גאַנצן
פאַרלוירן פאַרן יידישן פאָלק, פאַרלוירן אָן אַ שפּור. צעפּוילט נאָך
פון פריער — פאַרשמעלצן זיי זיך אין פרעמדע אָרגאַניזמען.

**
*

אָבער צו די סיבות פון דער שפּאַלטונג צווישן ישראל און יהו־
דה, וואָס האָט גורם געווען צו זייער ביידנס אָפּשוואַכונג און צו
דער שפּעטערדיקער פאַרשווינדונג פון די צען שבטים, האָט נישט
ווייניק מיטגעווירקט יהודה אַליין דורך איר פאַרריסענעם פאָלקס־
פרעמדן מלך רחבעם, שלמהס זון, און דורך דער איבערטריבענער
פאַרשווענדערישקייט, וואָס ס'איז געוואָרן איינגעפירט נאָך בימי
שלמה און וועמענס רעזולטאַט עס זענען געווען די שווערע אַרויפ־
געלייגטע לאַסטן אויפן פאָלק.

## שלמהס תקופה

שלמהס מלוכה־תקופה איז אויסערלעך געווען די רואיקסטע
פאַר די בני־ישראל. דאָס פאָלק, וואָס איז געווען אַזוי אויסגעמאַ־
טערט נאָך אַ לאַנגן פּעריאָד פון מלחמות און אומרוען אויסערלעכע
און אינערלעכע, ביז שלמהן, האָט אין שלמהס צייט אָפּגעכאַפּט דעם
אָטעם. די גרענעצן פון דער מלוכה זענען געוואָרן נאָך פון דודן
פאַרזיכערט. דער יונגער שלמה האָט געוואוסט, ווי אַזוי איינצו־
האַלטן דעם פאָטערס ירושה און זיינע דעראָבערונגען. מיט אַ טייל

שבֿטים האָט ער געשלאָסן פֿריינדשאַפֿט־אָפּמאַכן און מיט די איי־בעריקע, די שטאַרקסטע, האָט ער זיך ענגער פֿאַרבונדן דורך די דינאַסטישע שידוכים, וואָס ער האָט געשלאָסן פֿאַר זיך אַליין: נע־מענדיק פֿרעהס טאָכטער און אַנדערע פּרינצעסינס פֿאַר פֿרויען, האָט ער זיך שוין איין צייטיק מיט די דאָזיקע דינאַסטיעס פֿאַמי־ליאַר־פּאָליטיש פֿאַרבונדן. אויך דעם שם, וואָס ער האָט געקריגן ווי אַ מלך חכם, האָט פֿאַרשטאַרקט זיין אויטאָריטעט ביי אַ טייל שכ־נותדיקע מלוכות, וואָס זענען גאַרנישט געווען אַזוי גרויס און מאָנאָליטיש, בפֿרט פֿאַרן דערשיינען אויף דער וועלט־אַרענע פֿון בבֿל און אשור. אָט דאָס אַלץ האָט געהאָלפֿן צו קאָנסערווירן די באַקומענע ירושה און סטאַביליזירן זיין מאַכט.

אָבער אינעווייניק, אין קעניגלעכן הויף אַליין, איז פֿון דעסט־וועגן דער שלום־בית צעשטערט געוואָרן נאָך באַלד אין אָנהייב. אין דער שטיל האָט געוירט אַ נישט־צופֿרידנקייט, אַ קנאה־שנאה ביי אַ טייל שבֿטים, ווי אפֿרים און בנימין. אפֿרים האָט בכלל גע־האַט פּרעטענזיעס און האָט זיך געריסן צו דער מאַכט, ווייל פֿון זיי האָט אָפּגעשטאַמט דער העלדישער מלחמה־פֿירער, משהס תל־מיד יהושע, און אויך דערפֿאַר, ווייל דער גאַנצער שבֿט אפֿרים האָט צוזאַמען מיטן שבֿט יהודה אויסגעטראָגן אויף זיך די שווערסטע קאַמפֿן אין די מלחמות, וואָס די בני־ישראל האָבן געפֿירט קעגן זייער פֿיינט.

אויך דער שבֿט בנימין האָט נישט־פֿאַרגינעריש געקוקט אויף דער דוד־דינאַסטיע, וואָס האָט צוגענומען דעם מלוכה־סצעפּטער פֿון שאולס משפּחה, און צו די דאָזיקע קרוין־פּרעטענדענטן זענען נאָך צוגעקומען אַנדערע נישט־צופֿרידענע, גענערט פֿון די אָנלויפֿנ־דיקע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אויסגעווירקט צו זייער גונסטן.

***

שלמה, וואָס איז נישט געווען דער געזעצלעכער טראָן־יורש, נאָר באַשטימט דורכן נאָך לעבעדיקן מלך דוד אַליין און סאַנקציאָ־נירט דורך נתן הנבֿיא, האָט אין אָנהייב געהאַט קעגן זיך אַ שווע־רע קעגנערשאַפֿט פֿון געזעצלעכן ברודער־יורש אדניהו, מיט דער

גרעסטער טייל פון דער אַרמיי אין דער שפּיץ מיטן באַרימטן העלדישן אַרמיי־פירער יואב בן צרויה. אויך אביתר הכהן און דער שטייערן־פאַרוואַלטער (שר המסים) ירבעם פון שבט אפרים האָבן זיך גערעכנט צו זיינע קעגנער. האָט ער באַשלאָסן זיי פּשוט אָפּצוּרוימען — און זיין ברודער אדניהו מיטן אַרמיי־פירער יואב בן צרויה, ווערן אויף זיין באַפעל דערמאָרדעט. אביתר הכהן ווערט פאַרטריבן פון בית המקדש און ירבעם אַנטלויפט קיין מצרים. אָט דאָס דאָזיקע, דער טויט פון די ביידע, האָט נאָך מער פאַרטיפט און פאַרשטאַרקט די שנאה צו דודס דינאַסטיע. און הגם די ירושה, דאָס פייער האָט געטליט אין דער שטיל. צוליב דעם אויטאָריטעט, וואָס שלמה האָט זיך דערוואָרבן ביי זיינע שכנים, און וואָס דאָס האָט אויך אים צוגעגעבן אָנזען ביי די בני־ישראל אַליין, זענען אָבער די פונקען געווען צוגעגריט. זיי האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אויסצוברעכן אין אַ העלישן פלאַם.

און אונטערגעהאַלטן די פונקען האָט נאָך, נישט ווילנדיק — שלמה אַליין. דער קלוגער שלמה האָט שוין גאָרנישט אַזוי קלוג און מילד באַהאַנדלט סאָציאַל דאָס פאָלק.

***

דער ערשטער טייל פון שלמהס הערשאַפט־פּעריאָד איז אַדורך פאַר די בני־ישראל ווי איין גרויסער יום־טוב. דאָס פאַרענדיקן דעם שיינעם בית־המקדש, זיין חנוכת־הבית מיטן פּאַראַד־צערעמאָניאַל פון מקריב זיין טויזנטער קרבנות, די נייע קעניגלעכע פּאַלאַצן און בנינים, וואָס שלמה האָט מיט אַזאַ גרויסער פייערונג און פּאָמפּע געפייערט זייער באַנייאונג. די רווישיקע אויפנאַמעס פאַר די פרעמדע קעניגלעכע געסט און די מתנות, וואָס זיי האָבן שלמהן געבראַכט, דאָס אַלץ האָט טאַקע פאַרשטאַרקט שלמהס אָנזען, האָט געשאַפן אַ לעגענדאַרן אָרעאָל אַרום אים, ווי עס האָט אויך פאַרשטאַרקט דעם אָנזען פון פאָלק אַליין. אָבער דער דאָזיקער לעגענדאַרער גלאַנץ און שימער, דער רויש פון ווייך און די קעניגלעכע סעודות, דער זייד, אַטלאַס און פּורפּור פון זיינע פּילצאַליקע פרויען, דאָס געקויפטע גאָלד און העלפאַנט־ביין פון דער פרעמד, אָט דאָס

אַליך האָט צוזאַמען מיטן אַרבעטס־יאָך, וואָס שלמה האָט אַרויפגע־לייגט אויף די בני־ישראל, זיך געלייגט ווי אַ שווערע דערדריקנ־דיקע משא אויף די פּלייצעס פון האָרעפּאַשנעם פאָלק.

צו דעם איז נאָך צוגעקומען דאָס צעקריגן זיך מיט די נביאים, צוליב זיין אָפּנייגן אין דער לעצטער צייט פון זיין הערשאַפט פון יידישן קולט, אַ דאַנק זיינע פּילצאָליקע פרעמדע פרויען, אַזוי אַז דער נביא אחיה השילוני שטיצט ירבעמען.

און ווען אין שלמהס צייט האָבן די יידן נאָך נישט געוואַגט אַרויסצוטרעטן קעגן אים עפנטלעך, קומט עס אָבער צום אויסדרוק תיכף נאָך שלמה׳ס טויט, בפרט ווען אויף אַזאַ געלעגנהייט האָבן שוין פון לאַנג געוואַרט די דינאַסטישע קעגנער פון דודן און שלמהן מיטן קרוין־פּרעטענדענט ירבעמען אין דער שפּיץ. און אַזוי געשעט עס, אַז באַלד נאָך שלמהס טויט שטעלן שוין די שבטים אַרויס אַן אָפּענעם אולטימאַטום דעם קרוין־יורש רחבעמען פון יהודה, ער זאָל זיי פאַרקלענערן דעם יאָך, וואָס זיין פאָטער האָט אויף זיי אַ־רויפגעלייגט. דער פאַרריסענער נייער קעניג פון יהודה רחבעם וואַרפט אָפּ דעם גערעכטן פאַרלאַנג פון פאָלק.

און דודס פאַראייניקטע מלוכה, די שווערע אָנגעשטרענגטע אַרבעט נאָך פון שאולן, אויף צו פאַראייניקן די שבטים גייט לאי־בוד: די מלוכה ווערט דורך ירבעמען געשפּאָלטן. ירבעם בן נבט רייסט אָפּ די צען שבטים פון יהודה, אַרונטערנעמענדיק זיי אונטער זיין פאַרעטערישן סצעפּטער.

## די עיקר־סיבה פון אונטערגאַנג

אויב די אויבנדערמאָנטע פאַקטאָרן האָבן צוגעהאָלפן צו דער שפּאַלטונג פון פאָלק, האָבן צעריסן די נאַציאָנאַלע איינהייט, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ גורם אָפּצושוואַכן דעם נאַציאָנאַלן גייסט — און האָבן נאָך דעם ריס פון נאַציאָנאַלן גייסט פאַרטיפט דורך די אַריינגעפירטע עבודה־זרות און פרעמדע מנהגים, איז די עיקר־סיבה פון דער פאַרשווינדונג פון די צען שבטים געווען דאָס, וואָס זיי זענען צו־פרי אַוועק אין גלות. זיי האָבן זיך נישט דערוואַרט אויף

קיין „יבנה“, — זיי האָבן נישט געקענט מיטנעמען מיט זיך נאָכן אונטערגאַנג פון זייער שומרון „של מטה“ קיין שומרון „של מעלה“ — ווי יהודה נאָך איר חורבן איר ירושלים של מעלה. —

זייער פּאַרטריקנטן גייסט, האָט אויך נישט געצערטלט די משיחישע האָפענונג פון דערלייזונג און ציון־אומקער. —

און אויסגעלײדיקט, אויסגעהוילט פון אַלע זכרונות פון עבר און פון יעדע האָפענונג אויפן נאַציאָנאַלן עתיד, זענען זיי פאַרשוואומען געוואָרן אין דעם פלייץ פון די פרעמדע וואַסערן אויף אייביק.

# ר׳ יוחנן בן זכאי און רבי עקיבא

## (היסטאָרישער פּאַראַלעל)

צוויי היסטאָרישע געשטאַלטן, וועלכע האָבן געלעבט און גע־ווירקט אין צוויי באַזונדערע צייטן, הגם נאָענטע איינע צו דער אַנ־דערער. דער ערשטער בן זכאי, האָט געלעבט ביים חורבן פון צווייטן בית־המקדש — אין דער היסטאָרישער שלאַכט פון רוים און ירושלים; דער צווייטער רבי עקיבא האָט געלעבט נאָכן חורבן, ביים בר־כוכבא־אויפשטאַנד קעגן די רוימער.

זיי האָבן ביידע געלעבט אין צייטן, וועלכע זענען, טראָץ זייע־רע קליינע אונטערשידן, צוויי באַזונדערע תקופות אין דער יידישער געשיכטע.

אין צייט־אָפּשניטן, וואָס זענען אָנגעפילט מיט אַ טראַגישן רייץ און מיט הערויִשער שיינקייט, צייטן, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט געאָטעמט מיטן הייסן אָטעם פון יידישן נאַציאָנאַלן קאַמף און טראַגישן געראַנגל פון אַ פאָלק פאַר זיין פּאָליטישער סוווערע־ניטעט און פאַר זיין מענטשן־ווירדע. —

הגם ביידע מלחמות, ביידע אויפשטאַנדן זענען אין רעזולטאַט געווען פאַרשפּילטע האָבן זיך טראַגיש געענדיקט מיליטעריש פאַרן יידישן צד, האָבן פון דעסטוועגן זייערע גייסטיק־מאָראַלישע אויס־ווירקונגען געשטאַרקט אין דער צוקונפט דעם יידישן גייסט און געהויבן זיין מאָראַלישן מוט... זיי האָבן די צוקונפטיקע דורות אָנ־געשטעקט מיט אַן ענטוזיאַזטישן פאָלקס־מסירת־נפש און נאַציאָ־נאַלן הערויִזם. מיר האָבן פון זיי געשעפּט מוט און באַגייסטערונג אין אונזער ווייטערדיקן שווערן קיום־געראַנגל.

אַ גאַר גרויסע ראָלע האָבן געשפּילט אין יענע פאַרגאַנגענע

ציַיטן אָט די צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען אין גאַנצן מיט די דאָזיקע ציַיטן געווען פאַרוועבט. — מען קאָן זיך יענע עפּאָכע נישט פאָרשטעלן אָן זיי, ווי מ'קאָן זיך נישט פאָר־שטעלן אָן די איבעריקע העלדן פון יענע ציַיטן.

און הגם זייערע מעשים זענען געווען פאַרשידן איינע פון דער אַנדערער, פאַרקערט גאָר קעגנזעצלעך, רבי עקיבא, האָט גאָר גע־אַרבעט אין אַ רעוואָלוציאָנערער ריכטונג, וועקנדיק זיין תלמידים און דאָס פאָלק צו אַן אויפשטאַנד קעגן די רוימער. עקיבא האָט זיך אַליין אַריינגעוואָרפן אין קאַמף, אפילו זיך געמאַכט נישט־פּאָפּולער ביי זיינע חברים תלמודיסטן, וויַיזנדיק מיטן פינגער אויפן משיח, פון גאָט געשיקטן דערלייזער־באַפרייער בר־כוכבא. ער האָט גע־דרשנט אויף אים: „דרך כוכב מיעקב ווישע לישראל" — אַ שטערן וועט קומען פון יעקבן און וועט העלפן די יידן. דאַקעגן בן־זכאי האָט אין זיין צייט געהערט צו די שלום־אָנהענגער, געאַרבעט אין דער ריכטונג פון שלום. מיט זיין טעטיקייט האָט ער זיך אין דער הייסער מינוט געשטעלט קעגן די הערָאישע קעמפער — יעדנ־פאַלס: קיין מוט האָט ער זיי נישט צוגעגעבן. און זיין טאַט פון אַריבערגנבענען זיך איבער דער יידישער פראָנט־ליניע צום שונא, צו אספּסינוס קיסר, האָט אין יענעם מאָמענט נישט אויסגעזען ווי קיין געהויבענער. —

פון דעסטוועגן האָבן זיך זייערע מעשים פּאָזיטיוו אויסגעווירקט אין דער וויַיטערער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו פאַרן יידישן פאָלק. זייער ביידנס מעשים האָבן געפירט צום איינהאַלטן דאָס יידישע פאָלק ביז היינט.

זייערע ביידנס באַרירונגס־פּונקטן זענען: די שטאַרקע אחריות און פאָטערלעכע זאָרג פאַר דער צוקונפט פון יידישן פאָלק, פאַר זיין גאָלדענעם המשך. זיי ביידע האָבן געקרעפטיקט דעם יידישן גייסט, וועלכער איז דער אויספירער פון נאַציאָנאַלן אינסטינקט, פון זיין נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט — פון זיין באַזונדערקייט. זיי האָבן מיטגעהאָלפן צו זיין נאַציאָנאַלער וויטאַליטעט.

***

בן זכאי האָט געהאַט אַ געווויסע גורל־ענלעכקייט מיטן נביא

ירמיהו. ירמיהו, דער גרויסער זעער־עלעגיקער, האָט פאָרגעזען דעם חורבן פון ערשטן בית־המקדש, האָט געזען די צוועקלאָזיקייט פון קאַמף מיט די בבלים, האָט ער דעריבער מורא געהאַט פאַר דער צוקונפט פון פאָלק און צוליב דער מורא און זאָרג פאַרן פאָלק האָט ער געראַטן שלום מאַכן מיט די בבלים. ער האָט אין גרויס ליבשאַפט פאַרן פאָלק געשטורעמט קעגן די פאַלשע נביאים, וועלכע זעען שוין דעם פאַרטיקן זיג און הייסן דעריבער קעמפן מיט נבוכדנאצרן. כדי צו דערהאַלטן די צוקונפט פון פאָלק, האָט ער געהייסן שלום מאַכן מיטן גורל. ער האָט פאָרגעזאָגט זיין חורבן, כדי צו היטן זיין צוקונפט.

אויך רבי יוחנן בן־זכאי האָט געזען דעם חורבן, פאָרגעפילט די אויסזיכטלאָזיקייט פון קאַמף, האָט ער געוואָלט באַוואָרענען זיין צוקונפט. ער האָט געוואָלט נאָך ערב זיין שטאַטלעך־פּאָליטישן פאַלן צוגרייטן דעם פאָלק אַ נייע גאָלדענע רייף, וועלכע זאָל אַרומ־נעמען דאָס יידישע פאָלק פון אייגענער נאַציאָנאַלער צעפאַלונג.

אויפן אָרט פון די צעפאַלענע מלוכהש־פּאָליטישע עלעמענטן שאַפט ער נייע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע, וועלכע זאָלן פאַרבייטן די ער־שטע. און אויך אין די נייע עלעמענטן גיסט ער אַריין דעם אַלטן פּאָליטיש־נאַציאָנאַלן אינהאַלט (זכר למקדש, זכר לארץ, זכר לחורבן).

אָנשטאָט די צעשטערטע מלוכהשע מאַטעריעלע ראָם פאַרלייגט ער אַ נייע גייסטיקע ראָם פאַרן פאָלק. אויפן אָרט פון דער אונטער־גייענדיקער מלוכה של מטה שטעלט ער אויף אַ נייע מלוכה של מעלה, אַ גייסטיקע מלוכה, וועלכע זאָל אַרומנעמען ווי מיט אומגע־זעענע פעדעם דאָס גאַנצע לעבן פון ייד אַלס אַ גליד פון יידישן נאַ־ציאָנאַלן אָרגאַניזם, פון יידישן פאָלק.

די אינעווייניקסטע גייסטיקע מלוכה דאַרף רעגולירן, געשטאַל־טיקן זיין יעדן טריט, אין הסכם מיט זיין באַזונדערן נאַציאָנאַלן לעבן אַלס פאָלק און לטובת זיין אייביקן המשך. אַלץ דאַרף רעגולירן די יידישע רעליגיע: דאָס גייסטיקע און מאַטעריעלע, דאָס הימלשע און ערדישע,דאָס יהידישע און כלל־ישראלדיקע נאַציאָנאַלע. —

ער וויל שאַפן אַזאַ מעכטיקן גייסט, וועלכער זאָל אויסהאַלטן

יעדן שטורעם פון יידישן יחיד ווי פון כלל, וועלכער זאָל אַדורכפירן די יידישע שיף דורך אַלע צעשטורעמטע ימען. ווען די רוימער שטורעמען שוין די טויערן פון ירושלים, בעט ער דעריבער ביי אספינוס־קיסר נאָר „יבנה וחכמיה" — יבנה מיט אירע געלערנטע; אַ גייסטיקן צענטער דאַרף ער האָבן אָנשטאָט דעם אונטערגייענדיקן מאַטעריעלן, כדי פון דאָרטן, פון יבנה, זאָל אויפגיין אַ נייַ ליכט פאַר ישראל. אַ ליכט, וואָס זאָל מיט איר געוואַלדיקער קראַפט באַשיינען דאָס גאַנצע טונקעלע, גלותדיקע יידישע לעבן. ער פאַרלייגט אַזוי אַרום דעם שטאַרקן יסוד פון המשך פון דער גאָלדענער קייט. אין צעכוואַליעטן אַרומיקן ים פאַרוואַרפט ער דעם יידישן אַנקער. — און ווירקלעך: פון דאָרטן, פון יבנה, איז געקומען די פאָרזעצונג פון די תנאים, אמוראים, גאונים, וועלכע האָבן וויטער געשפּונט דעם פאָדעם פון יידישן זיין. און פון דעם דאָזיקן גייסטיקן קוואַל האָט געשפרודלט אַ קוועלענדיק וואַסער — אויך פאַרן מאַטעריעלן לעבן פון פאָלק... וואָרעם דאָס נאַציאָנאַל־גייסטיקע פון אַ פאָלק איז אַזוי וויכטיק ווי דאָס קערפּערלעך־מאַטעריעלע. פון זיי ביידע ציט ער זיין וויטערדיקע חיות. פאַרלירט אַ פאָלק זיין נאַציאָנאַלע באַזונדערקייט, פאַרלירט עס זיך אין גאַנצן.

**
*

און זיין תלמיד רבי עקיבא? ער אַרבעט אין צוויי ריכטונגען. ער שמידט דעם גייסט (סיפא וספיא) און שמידט די שווערד. אַלס איינער פון די גרעסטע תלמודיסטן פון זיין צייט, פון די אויסטייטשער פון דער תורה, פון געזעץ, ווען דאָס פאָלק וויקלט אַרום מיט אַ פרעכטיקן קראַנץ פון לעגענדעס און פון דער גרעסטער לעגענדע, וואָס אַ גלויביק פאָלק קאָן זיך דערלויבן, אַז ער בינדט צו די תפילין אים אַליין, וואַרפט ער זיך אַריין מיט זיין גאַנצער אויטאָריטעט אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אין בר־כוכבא־אויפשטאַנד קעגן די רוימער.

נישט נאָר ער אַליין באַטייליקט זיך אין קאַמף, נאָר ער רייסט מיט אַלע זיינע תלמידים. ער וואַגט צו שטעלן זיך קעגן דער אַנגענומענער מיינונג פון זיינע חברים תלמודיסטן, וועלכע טרעטן אַרויס

שאַרף קעגן שמעון בן יעקבן. אַ פאָלקס־מענטש — גייט ער מיטן פאָלק.

צוויי אידעעס האָט ער, דער פאָלקס־ליבלינג. גאָט און דאָס פאָלק. זיי ביידע גיט ער אָפּ אַלע זיינע כוחות און, ווען מען דאַרף, אַלץ, אויך דאָס לעבן. „בכל לבבך ובכל נפשיך" איז פאַר אים נישט קיין פוסטע פראַזע. ער קאָן די מצווה דרייסט מקיים זיין.

און פון זיין ליבע צום פאָלק נעמט זיך זיין רעוואָלוציאָנערער פאַנאַטיזם קעגן די רוימער, וועלכע אונטערדריקן זיין פאָלק.

ער, דער פאַסטוך כלבא שבועס איידעם, זעט דעם פיין און ליידן פון פאָלק. פון זיינע ברייטע פויערים־ און בעלי־מלאכות־מאַסן און זיי, דעם פאָלק, מוז ער העלפן

און אַז עס רוקט זיך אַרויס פון פאָלק דער פעאיקער פירער — העלד שמעון בן יעקב (בר־כוכבא) וועלכער וואַרפט זיך אַריין מיטן גאַנצן פלאַם פון זיין אָנגעצונדענער נשמה אין העראָאישן געראַנגל קעגן די אונטערדריקער, שטעלט ער, עקיבא, זיך אויף זיין זייט.

ער גייט מיט אים אין קאַמף ביזן סוף. ביז ער ווערט געכאַפּט פון די רוימער, ווערנדיק געקעמט מיט אייזערנע קאַמען, אַלס איי־נער פון די „עשרה הרוגי מלכות" צען אומגעקומענע פון מלכות. קיין איינעם פון די תנאים אָדער בכלל פון די ראשונים האָט דאָס פאָלק נישט אַרומגעוועבט מיט אַזאַ פאַנטאַסטישן מאָזאַיק־געוועב פון אגדות און מעשיות ווי די דאָזיקע צוויי: רבי עקיבא און רבי שמעון בן יוחאי. זיי ביידע האָבן שטאַרק פיינט געהאַט דאָס דע־מאָלטדיקע מעכטיקע רוים (די מלכות הרשעה).

און פון זיי ביידע פאַרנעמט דעם אויבן־אָן ביים פאָלק — רבי עקיבא. כאַראַקטעריזירן אים, איז גענוג מיט איניקע אויסגעוויל־טע אגדות: עקיבא מיט זיין פרוי רחל ליגן פון גרויס אָרעמקייט אויף שטרוי. עקיבא קלייבט אוים די שטרוי פון זיין פרוים האָר. באַווייזט זיך אליהו אין געשטאַלט פון אַן אָרעמאַן, בעטנדיק ביי אים אַ ביסל שטרוי. עקיבא גיט אים אַוועק די לעצטע שטרוי און זיי ביידע בלייבן אין גאַנצן אָן שטרוי. אויף אים האָט מען געזאָגט: „הנח לו לרבי עקיבא של הניח כמותו בארץ ישראל." לאָז אָפּ עקי־באַ׳ן, וועלכער האָט נישט געלאָזט זיינס גלייכן אין ארץ ישראל.

אָדער: ער רייסט אוים בערג און צעמאָלט זיי. און רבי אליעזר בן זכריה זאָגט: „דומים עלי חכמי ישראל כקלפת השום, חוץ מן הקרח הזה.״ די יידישע חכמים זענען קעגן מיר ווי ציבעלע־שאָלעכץ, אויסער אָט דער באָרג־ריז — עקיבא.

ווען משה איז אַרויף אין הימל, האָט ער געפרעגט: „פאַר וואָס האַלטסטו אויף מיטן געבן די תורה? האָט גאָט געענטפערט: „עס וועט קומען אַ מענטש עקיבא בן יוסף, וועלכער וועט דרשענען אויף יעדן, יעדן פינטל פון דער תורה.״ (עתיד לעמוד איש, ועקיבא בן יוסף שמו והוא עתיד לדרוש על כל קוץ וקוץ שבתורה). משה זעט דאָס וואונדערלעכע געשטאַלט פון עקיבאַ׳ן. ווען ער לערנט מיט זיינע תלמידים, בעט ער מ׳זאָל אים ווייזן עקיבא׳ס שכר און משה זעט גאָר זיין — טויט, פרעגט ער: איז דאָס די תורה און דאָס איז איר געצאָלט? „זו תורה וזה שכרה?״

***

רבי עקיבא איז געווען אַ גרויסער נאַציאָנאַלער אָפּטימיסט, ער גלייבט פעסט אין דער דערלייזונג פון זיין פאָלק, נאָך אין זיין צייט. ער קען דעריבער דעם קאַמף נישט אויפגעבן, זעט ער אין בר־כוכבא דאָס געשטאַלט פון משיח. פיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים אָדער פאַר תלמידים (מסכת נדרים) האָט רבי עקיבא געהאַט דערציילט די אגדה, און זיי אַלע האָט ער געוואָרפן אין שלאַכט קעגן די רוימער. ווען מען קעמט זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען, פאַרגייט ער זיך מיטן „אחד״ זאָגנדיק: אַ גאַנץ לעבן האָב איך געשטרעבט אויסצולעבן זיך מיט דער מסירת־נפש פון גאָט איינציקייט — זאָל איך ערשט עס נישט אויספירן?

יאָ! ער האָט געהאַט איין אידעע, גאָט און פאָלק. און זיי ביידע האָט ער געדינט ווי איינס. בן זכאי האָט זיך קאָנצענטרירט נאָר אויפן גייסטיקן עלעמענט, אויפן יידישן גייסט. ער זאָגט זיך אָפּ אין אָנבליק פון חורבן, פון קאַמף, לטובת דער צוקונפט פון פאָלק.

רבי עקיבא פאַרנעמט זיך מיט זיי ביידע, אי מיטן גייסט, אי מיטן ווירדיקן קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלן כבוד. ביידע עלעמענטן זענען די גאָלדענע רינגען אין דער קייט פון יידיש ,ן נאַציאָנאַלן המשך...

# אײן ייִדישקייט, אָדער באַזונדערע ייִדישקייטן

## צוויי ייִדישקייט־אויפפאַסונגען

ביזן אויפקומען פון נאַציאָנאַלן געדאַנק האָבן מיר פאַר זיך געהאַט צוויי ייִדישקייט־אויפפאַסונגען: די אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזע, דעם ייִדישקייט־באַנעם פון אונדזערע עלטערן, און די אויפגעקומענע אַסימילאַטאָרישע ייִדישקייט.

די ערשטע ייִדישקייט, די אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזע, האָט אַלץ דערקלערט אין נאָמען פון גאָט. איר ייִדישקייט־אויפפאַסונג איז געווען אַ רעליגיעז־דאָגמאַטישע, אַן איין מאָל אויף אייביק געגעבענע תורה, אַ סטאַטיש־פאַרגליווערטע ייִדישקייט־קאָנצעפּציע, וואָס ציט איר יניקה בלויז פון די אותיות פון דער תורה.

דער „לא תהרהר" איז געוואָרן דער ווינקלשטיין פונעם דאָזיקן באַנעם. נישט די לאָגיק, אויך נישט דער נאַציאָנאַלער אינטערעס, האָט אַלץ געדאַרפט פאַרענטפערן און באַזיניקן, נאָר דער איינזייטיקער רעליגיעזער גלויבן. זענען אויפגעקומען אינעם ייִדישן מוח שווערע עגבערנדיקע קשיות, וואָס האָבן נישט געלאָזט צורו, איז געווען אַ פאַרטיקער תירוץ: „אַ מענטש קאָן נישט אַלץ משיג זיין." אמת, די חכמי התלמוד האָבן געפּרווט די דאָזיקע תורה צופּאַסן צום לעבן, זי באַוועגלעך מאַכן און אויסטייטשן מיט דער הילף פון די דרייצן מידות. „שלשה עשר מידות שהתורה נדרשת בהן". איז אָבער מיט דער חתימת התלמוד (מיטן אָפּשליסן פון תלמוד) אויך די דאָזיקע אַריינגעפירטע דינאַמישקייט אינעם ייִדישן גייסט אָפּגעשלאָסן געוואָרן.

און מיטן אָפּשטעלן זיך פון דער אַנטוויקלונג פון ייִדישן גייסט האָט זיך נאָך די דאָזיקע קאָנצעפּציע מער פאַרשאַרפט: אירע ענג־

האַרציקע אויסטייטשער זענען געשלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט.
זיי האָבן נישט געזען די נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע ווערטן, וואָס לייכטן ווי דימענטן אַרום פון דער דאָזיקער „כתר של תורה" (פון דער תורה־קרוין).

דעם נאַציאָנאַלן קיום־באַטייט, וואָס שטעקט אין די דאָזיקע געזעצן און נאָרמעס, האָבן זיי נישט באַנומען, ווייל זיי האָבן נישט אויפגעכאַפּט דעם פּסיכאָלאָגיש־עמאָציאָנעלן זין פון דעם אַלעמען. און דעריבער איז פאַר זיי געוואָרן אַן עיקר און צוועק נישט דאָס פאָלק, דאָס לעבעדיקע פאָלק, און זיין רעליגיע מער נישט ווי אַ מיטל פאַרן דאָזיקן צוועק, נאָר אין דער רעליגיע אַליין האָבן זיי געזען דעם צוועק פאַר זיך. שוין דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג אַליין האָט געענדערט אין זיך, האָט אין זיין קאָנסעקווענץ געמוזט פירן (אפשר נישט ווילנדיק פאַר זיך אַליין) צו דער אַסימילאַטאָרישער ריכטונג. וואָרעם אויב מיר זענען נישט איין פאָלק אויפן גרונד פון דער געמיינזאַמער אָפּשטאַמונג, וואָס דאָס אַליין איז שוין קודם־כל מחייב צו אַ געמיינזאַמער נאַציאָנאַלער באַקענטעניש, און במילא צו אַן ענגער צונויפשליסונג מיטן פאָלק, מיט זיינע אינטערעסן און באַדערפענישן, נאָר מיר זענען מער נישט ווי אַ צבור אויפן יסוד פון אַ רעליגיעזער אַנטפּלעקונג אָדער אַ רעליגיעזן קאָדעקס — זענען מיר דאָך נאָר אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט און נישט מער. און אויב נאָר אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט, קענען מיר שוין זיין פּאָליאַקן, פראַנצויזן, ענגלענדער, נאָר פון משה'ס גלויבן; בינדט אונדז נישט מער, נאָר די אַבסטראַקטע אידעע פון דער געמיינזאַמער רעליגיע. און אין דער אמתן איז אפילו אָט די רעליגיעזע פאַרבינדונג פון די אַסימילאַטאָרן מיט די איבעריקע פרומע יידן געווען גאָר אַ לויזע. ווייל זייער רעליגיעזע אויפפאַסונג איז געווען אַ צו גאָרנישט מחייבדיקע אַבסטראַקטע פילאָסאָפיע, אָן שום געבאָטן און אָן פּראַקטישן שטייגער. וואָרעם אויב אַ טייל פון פרום־אָרטאָדאָקסישן יידנטום האָט אנערקענט זיין יידישקייט נאָר אויפן יסוד פון דער רעליגיע ווי אַ גלויבן, האָט אָבער אין דער אמתן, אין דער פּראַקטיק, דאָס אָרטאָדאָקסישע יידנטום זיך אויסגעלעבט נאַציאָנאַל — זאָל זיין רעליגיעז־נאַציאָנאַל. נישט נאָר זענען אונדזערע

עלטערן געווען פאָלקסטימלעך, האָבן געלעבט אין און מיטן פאָלק, נאָר אַלע זייערע מעשים, די מצוות, טראַדיציעס און מנהגים, אויב זיי זענען נישט אַלע געווען נאַציאָנאַלע פאָלקס־דעראַנערונגען אָדער נאַציאָנאַלע צוקונפט־וויזיעס — האָט זיך שוין דאָס אַליין: דער געמיינזאַמער אויפפיר און אויספיר פון באַשטימטע רעגלמעסיקע טאַטן און האַנדלונגען אויסגעווירקט נאַציאָנאַל און נישט נאָר סתם נאַציאָנאַל, נאָר דווקא קיומדיק. —

אַזוי אַרום האָט אין דער פּראַקטיק, די דאָזיקע רעליגיעזע איינשטעלונג, אויסער איינציקע אויסנאַמען, קיין שאָדן דעם פאָלק נישט געבראַכט. די ענגהאַרציקייט פון דאָזיקן גערדאַנקען־אויפנעם איז געבליבן בלויז ביי אַ טייל פירער. דאָס פאָלק, האָט דעם דאָזיקן פּירוש, ריין־רעליגיעזן אויפנעם, פונעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג פון זייערע שלומי־אמונה און פראַנקפורטער שיטה, נישט גורם געווען. און דאָרט וואו אַ טייל האָבן זי שוין יאָ אָנגענומען, האָט דאָס לעבן, דאָס יידישע לעבן, דווקא זיך געפירט נישט לויטן דאָזיקן ריין־רעליגיעזן באַנעם, נאָר לויט דער פּראַקטיש־נאַציאָנאַלער אויסווירקונג פונעם דאָזיקן באַנעם, וועמענס טיפערער זין און מיין איז טאַקע באַהאַלטן אין אָט די אַלע טואונגען, טראָץ דעם שלעכטן פאַרשטיין זיי.

## די אַסימילאַטאָרישע ריכטונג

אָבער די אַסימילאַטאָרישע ריכטונג, איר יידישקייט־אויפפאַסונג, האָט אָנגענומען אויך פון דער ריין־רעליגיעזער יידישקייט נאָר דאָס פון יידישן לעבן אָפּגעריסענע, אַבסטראַקטע דאָס נישט־פרוכטבאַרע פון איר גייסטיקער קאָנצעפּציע. — פאַר איר איז יידישקייט בלויז אַן אַבסטראַקטע אידעע, וואָס איז אין דער פּראַקטיק צו גאָרנישט מחייב; זי איז זי נישט מחייב, אפילו נישט אויף דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן געביט. ווייל די „מיסיע" פון וועלט־פאַרבעסערונג פאָדערט דאָך דערווייל גאָרנישט פון איר. דאָס וואַרטן אויפן באחרית הימים איז אַזוי אומבאַשטימט, אַזוי ווייט, אַז דאָס וועט קלעקן פאַר זייערע קינדער און קינדס־קינדער, אויב נאָר זיי וועלן ביז דעמאָלט בלייבן כאָטש אַסימילירטע יידן. —

בפרט איז זייער יידישקייט זיי צו גאָרנישט מחייב, אין פאַר־בינדונג מיטן לעבעדיקן פאָלק. זיי האָבן נישט מיט אים קיין שום שייכות. עס בינדט זיי נישט — נישט זיין שטייגער, נישט זיין אויפֿפיר, און נישט זיין שפּראַך. זייער ביסל טעמפּל־יידישקייט פון אַ ראש־השנה און יום־כפּור. מיט די פרעמד־שפּראַכיקע דרשות איז מער נישט ווי אַ „כּכל־הגויי־מדיקער" וואַריאַנט, פון אָפּגעפרעמדטן פאַרקריפּלטן קינד פון יידנטום. —

**
*

נאָר דאָס גרעסטע נאַציאָנאַלע פאַרברעכן פון אָט דער ריכטונג איז: דאָס הפקרדיקע פאַלמעסן, דאָס צעשניידן די יידישקייט אויף צווייען, דאָס אַרויסשיילן פון איר נאָר דאָס אַבסטראַקט־רעליגיעזע — און דאָס איבעריקע, דאָס פאָלקיש־קערנדיקע, דאָס נאַציאָנאַל־פאָלקסטימלעכע, דאָס זאַפטיקע, אַרויסוואַרפן ווי אַן איבעריקע שאָלעכץ. און יעדע צעטיילונג פונעם פאָלק, ווי יעדע צעטיילונג פון זיינע ווערטן, יעדע צערייסונג פון דער יידישקייט ווי אַן אַל־אַרומ־נעמענדיקע רייף פאַרן גאַנצן פאָלק, איז פאַרברעכעריש און שעד־לעך.

**
*

מיטן אָפּגעשוואַכט ווערן פון דער אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזער יידישקייט און מיטן אויפקומען פון נאַציאָנאַלן געדאַנק, וואָס האָט געדאַרפט אויספילן די בלויזן פון דער אַלטער אָפּגעשוואַכטער יידישקייט, בפרט מיטן אויפקומען פון דער יידישער מדינה, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די צווייטע אַסימילאַטאָרישע יידישקייט־ריכטונג האָט שוין געקריגן אַ טויטקלאַפּ און מיר דאַרפן שוין נאָך איר זאָגן אַ רבנן־קדיש. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז מיר האָבן גע־האַט אַ טעות. נישט נאָר האָט זי נישט אויסגעהויכט איר אָטעם, נאָר פאַרקערט, אירע געדאַנקען זענען אַריין אין אַזעלכע קרייזן און ערטער, וואו מיר האָבן זיך צום ווינציקסטן געריכט זי צו זען. דורך פאַרשידענע וועגן און אופנים, אונטער פאַרשידענע פאָרמען

האָט זי זיך אַריינגעגנבעט, און ווען די דאָזיקע קרייזן לייקענען שטיין און בויין, ריידן זיי מיט איר שפּראַך, טראַכטן זיי מיטן זעלבן אופן פון איר טראַכטן. מען דאַרף זיך נאָר גוט צוהערן, בכדי אויפ־צוכאַפּן די דאָזיקע טענער און קלאַנגען, וואָס זענען אין זייער מהות נישט קיין יידישע, יערנפאַלס נישט קיין נאַציאָנאַל־יידישע.

**
*

אמת, מיר ווייסן פון וואַנעט דאָס שטאַמט. דאָס שטאַמט פון צוויי סיבות:

איינע איז אַלט ווי די וועלט; דאָס איז דער ווילן וואָס ליגט אין דער מענטשלעכער נאַטור, צו מאַכן זיך גרינגער, באַקוועמער. עס איז די עגאָ־צענטרישע פילאָזאָפיע פון באַקוועמלעכקייט. פון „אדם קרוב לעצמו" — קודם־כל זיך „אַליין". די דאָזיקע „פילאָזאָפיע" האָט זיך אַנטוויקלט, האָט אָנגענומען שאַרפערע פאָרמען, מיטן שטייגן פון דער טעכניק, איבער הויפּט מיט די זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער מענטשלעכער באַקוועמלעכקייט.

און דאָס יידישע פעקל איז אַ גאַנץ שווערס. איז פאַר וואָס זיך נישט גרינגער מאַכן? צו וואָס האָבן אַ באַזונדערן שטייגער, אויפפיר, וואָס דערווייטערט פון דער אַרומיקער סביבה, בפרט ווען עס קאָסט נאָך אויך עפּעס? און „דמים תרתי משמע" — עס קאָסט אי בלוטיק געלד, אי בלוטיקע אָנשטרענגונג. האָבן אייניקע גייסט־מענטשן, אַזוי צו זאָגן „טעאָרעטיקער", ווי עס פּאַסט פאַר אַזעלכע, געמונען באַגרינדן דאָס מיט אַ טעאָריע: „ס'איז דאָ אַ מדינה, די מדינה וועט שוין אַליין זאָרגן פאַר אירע ישראלים. און פאַר די איר־בעריקע, די תפוצותדיקע, איז איינס פון דיביידע: אָדער אויב זיי ווילן בלייבן יידן, זאָלן זיי עולה זיין אין ישראל, אָדער אויב נישט, זאָלן זיי זיך אַסימילירן."

די צווייטע סיבה איז די היטלעריסטישע. דער היטלעריזם האָט צערודערט דאָס יידישע געמיט פון די לעבן־געבליבענע. ער האָט צעבראָכן ביי אַ גרויסן טייל יידן די פאַרגאַנגענע נאַציאָנאַלע פּסי־כיק. דער דייטשער שטיוול האָט נישט נאָר צעטראָטן מיליאָנען צאַפּלדיקע יידישע גופים, נאָר מיט דעם דאָזיקן עצם טרעטן אַליין,

דורכן שווידערלעך־גלייכגילטיקן צוקוקן זיך פון דער וועלט איבער אונדזערע פּיין, האָט ער איינציייטיק צעטראָטן ביי פיל לעבן־געבליבענע, אפילו ביי די, וואָס האָבן דעם דייטשן הענקער־דענקער־פּרצוף נישט אָנגעקוקט, דעם טייערסטן נאַציאָנאַלן אוצר זייערן. ער האָט אָנגערירט און צעטרייסלט דאָס יידישע פול־ווערטיקייט־געפיל — דאָס דאָזיקע געפיל, וואָס האָט אָפּגעלאַכט און האָט אויסגעשפּעט אַלע יידן־שונאים אין אַלע צייטן, און וואָס האָט דערהויבן, אויפגעהויבן די אייגענע נאַציאָנאַלע ווירדע. אָט דאָס פעלן פון דאָזיקן טייערן געפיל האָט ביי אַ סך יידן געבוירן, אויך ביי נאַציאָנאַלע יידן, מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקסן. —

האָבן די דאָזיקע מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקסן געעפנט טיר און טויער פאַרן אַסימילאַטאָרישן אַריינדרונג. פאַרן אַריינדרונג פון פאַרפרעמדטע, אָפּגעפרעמדטע געדאַנקען און אידעען; פאַר אידעען, וואָס וואָרצלען נישט אין די עיקרים פון יידישן פאָלקסטום; וואָס זענען נישט אין האַרמאָניע מיטן נאַציאָנאַל־יידישן וועלט־באַנעם, און זיין קיום־באַדייט — וואָס ליגט אין דער אמתן אין תוך פון ביבלישן פּסיכאָלאָגיש־עמאָציאָנעלן לעבנס־באַנעם. —

***

די דאָזיקע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן און נייגונגען האָבן זיך צום באַדויערן אויך אַריינגעכאַפּט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די באַוועגונג, וואָס דאַרף אויפהאַלטן נישט נאָר די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע גאַנצקייט פונעם פאָלק, צוריקגעבן אים און איינהאַלטן די גלאָריע פון זיין נאַציאָנאַלן בראשית, נאָר אויך די נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישע גאַנצקייט אינעם דערהויבנסטן זין פון וואָרט. די דאָזיקע באַוועגונג פּרוווט גאָר דורך אַ טייל מיטגלידער אירע די נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישע האַרמאָניע שפּאַלטן. זיי שפּאַלטן אָדער שעדיקן די דאָזיקע גאַנצקייט פון נאַציאָנאַלן געדאַנק, נישט נאָר דורך זייערע אייגענע מעשים, וואָס זענען אין סתירה מיט יעדער ציוניסטישער און נאַציאָנאַלער אויפפאַסונג, נאָר דורך זייערע געדאַנקען ברענגען זיי צו דעם, צו צערייסן דאָס פאָלק אויף באַזונדערע טיילן, אויף באַזונדערע ישובים, לויט די לענדער, אין וועלכע זיי געפינען זיך. דאָס איז אַ ווירקונג פון דער מענטאַליטעט פון „כּל־הגוימ־

קייט", וואָס וואָרצלט אין יעדער אַסימילאַטאָרישער טענדענץ, פון נאָכמאַכן אַל דאָס פרעמדע אָן שום אינערלעכער נויטווענדיקייט — לויטן כלל: יעדעס ערגסטע פרעמדע איז בעסער ווי דאָס בעסטע אייגענע. —

האָט זיך די דאָזיקע קנעכטישע מענטאַליטעט אַזוי איינגעגעסן אין די נאַציאָנאַלע ביינער, אַז מען פרווט איר שוין אויך אָנווענדן אפילו אין אַזאַ אינטים־גייסטיקן געביט ווי די יידישקייט.

## לאָקאַלע יידישקייט

אויפן וועג פון יידישקייט־זוכן וויל מען שוין געפינען און באַגרינדן אַזאַ יידישקייט־קאָנצעפּציע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צום קאָלאָריט און ריטם פון געגעבענעם לאַנד, וואו די יידן וואוינען. די יידישקייט דאַרף נישט קודם־כל אַנטשפּרעכן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן און קיום־נויטן פון גאַנצן פאָלק, נישט דאָס אַלטע אַלט־פאָלקישע וואָרצלדיקע, נאָר דאָס „סטיליזירטע" דאַרף זיין די באַזע פון יידישקייט, נאָר איר קריטעריע גאָר דאַרף זיין דאָס צופּאַסן זיך צום קאָלאָריט און לאָקאַלן כאַראַקטער פון באַשטימטן גלות־לאַנד. און אַזוי אַרום וועלן מיר האָבן אַן אַמעריקאַנער יידישקייט, אַ פראַנצויזישע, ענגלישע א. א. וו.

איז דאָס נישט אַ נייער וואַריאַנט פון דער זעלבער אַלטער אַסימילאַציע־יענטע נאָר אַנדערש געשלייערט? אָדער, אַ נייע אויפלאַגע פון רעליגיעזן רעפאָרמיזם, וואָס האָלט ביי יציאת נשמה, אײַבערגעטראָגן אויפן געביט פון דער מאָדערנער יידישקייט אפילו שוין מיט דער טובה פון אַריינגעמען ישראל ווי אַ הויפּט־צענטער אין דער דאָזיקער יידישקייט?

און איך וואָג צו זאָגן, אַז דאָס איז נאָך ערגער פון דעם. ווייל יענע אַלע אַסימילאַטאָרישע רעפאָרמיזמען זענען נישט פאַרשטעלט. זיי האָבן שוין היינט אַן אויסגעקריסטאַליזירטע געשטאַלט. מיר ווייסן ווי זיי זעען אויס. און די דאָזיקע לאָקאַלע יידישקייט־טעאָריע האָט אין זיך אַלע זיפקייטן, וואָס רייצן דעם גימען. אָבער דווקא די דאָזיקע זיסקייטן, פאַרשטעלן דעם אמתדיקע סם'עדיקן קערן וואָס געפינט זיך אין זיי. און דאָס איז דאָס שפּאַלטן די נאַ־

ציאָנאַלע איינהייט־פּסיכיק פונעם יידישן פאָלק, דורכן שאַפן באַזונדערע יידישקייטן לויטן לאָקאַלן כאַראַקטער פון געגעבענעם אָרט; און דורכן שפּאַלטן זיין פּסיכיק, שפּאַלט מען זיין איינהייט. און אָן איינהייט, אָן אַ נאַציאָנאַלער האַרמאָניע איז נישטאָ קיין קיום, גייט אַ פאָלק אונטער. און אַ יידישקייט מוז זיך קודם־כל באַזירן אויף די פינף גרונט־פּרינציפּן:

1) איינהייט פון געדאַנק און פאָרשטעלונג, וואָס פירט צו איינהייט פון פאָלק.

2) שפּראַך און קולטור־איינהייט ווי דער אויסדרוק פון זיין נאַציאָנאַלן גייסט (זע יידישע קולטור אין „אויף די וועגן פון יידישן קיום" פון י. כהן).

3) דער נאַציאָנאַלער גייסט מוז זיך אַנטפּלעקן אין מעשים, ער מוז קומען קאָנקרעט צום אויסדרוק.

4) נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע האַרמאָניע, וואָס פירט צום אייביקן קיום פון פאָלק.

5) די מדינה ווי די נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע פונעם פאָלק, און ווי די היטערין פון זיינע אינטערעסן און באַדערפענישן.

דער מאָנאָטעאיסטישער אחדיקער באַנעם פונעם יידישן פאָלק איז שוין גאָר נישט קיין אַבסטראַקטער צופאַל. פון גאָט־אחד פירט אַ גלייכע ליניע צום פאָלק־„אחד". און אַן אחדיק־פאָלק, מוז האָבן א י ן געדאַנק, א י י ן ווילן, א י י ן שטרעבונג.

און אויך אַ יידישקייט מוז זיין איין אַל־אַרומנעמענדיקע פירנדיקע אידעע, איבערן גאַנצן לעבן און שטח פונעם יידישן פאָלק.

זי איז אַן איינציקע, אחדיק־אחדותדיקע איינהייט, פאַר אַלע דורות און פאַר אַלע ערטער. זי איז דורך און דורך אַ נאַציאָנאַלע, אַ קיום־האומה'דיקע. איר יסוד איז דער נאַציאָנאַלער אחד...

אירע זיילן — די מענטשלעכע עטיק. די עטיש־עסטעטישע שיינקייט פון יחיד און רבים. און די נאַציאָנאַלע סאָציאַלע גערעכטיקייט, וואָס שאַפט די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע האַרמאָניע פון דעם פאָלק.

דער עיקר כל העיקרים איז דאָס פאָלק. זיין הייליק מיטל — די מדינה ישראל.

# ככל־הגוים

דער אויסדרוק „ככל־הגוים״, די דאָזיקע פאַר זיך אומשולדיקע ווערטער, זענען שוין געוואָרן ביי אונדז אַ באַזונדערער באַגריף — און מער ווי אַ באַגריף. זיי זענען אַריין אין אונדזער יידישן דענקען, ווי אַ סינאָנים. אַ סינאָנים, פון נאָכמאַכן, פון נישט־נאַטירלעכקייט און פרעמדקייט.

און יעדע דערשיינונג אינעם יידישן לעבן, וואָס איז נישט עכט, וואָס פליסט נישט אַרויס פון די אינערלעכע, פון די נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן און נויטן פונעם דאָזיקן לעבן, הן אין דער פראַקטישער אָנווענדונג און הן אין דעם אַבסטראַקט־גייסטיקן, נאָר וואָס ווערט אַרויסגערופן צוליב דער בלויזער תאווה פון נאָכמאַכן אַנדערע, צוליבן חשק פון אויסגלייכן זיך מיט זיי, אומאָפּהענגיק, צי די זאַך אָדער די נאָכגעמאַכטע דערשיינונג איז פאַר אונדז גוט אָדער נישט, רופן מיר אָן אַזאַ דערשיינונג, אַ ככל־הגוים׳דיקע.

***

די קאָנצעפּציע פון „ככל־הגוים״ איז שלעכט: ווייל שוין דאָס בלויזע נאָכמאַכן, דאָס קנעכטישע נאָכמאַלפּעווען און נאָכטון אַ יעדע זאַך  אָן אַן אינערלעכער נויטווענדיקייט און לאָגיק, דערנידעריקט די מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייט. און יעדע פרייוויליקע  זעלבסטדערנידעריקונג, וואָס אַ יחיד אָדער אַ רבים נעמט אויף זיך, איז אין איר עצם נישט מאָראַליש, איז מיאוס מחמת מוקצה. און די דאָזיקע נישט־מאָראַלישקייט איז נישט בלויז עפּעס אַן אויסגעטראַכטער עטישער באַגריף, נאָר ער דערפירט אין דער פראַקטיק, דורך די געוואוינהייטן פון אַזעלכע מעשים, צו פאַרקריפּלען און פאַרקרימען דאָס אייגענע גייסטיקע געשטאַלט. און פון אויסקרימען דאָס אייגענע געשטאַלט ביז אין גאַנצן פאַרלירן

דעם נאַציאָנאַלן איך, איז איין טריט. ברענגט בכן די כּלל־הגוים־מדרי־קע אויסווירקונג גאָר אַ גרויסן שאָדן דעם פאָלק. און הגם דאָס וואָס ווערט נישט דיקטירט פון אייגענעם לעבן, וואָס פליסט נישט אַרויס פון דער נאַציאָנאַלער פּסיכיק און מענטאַליטעט, נאָר ווערט מיט געוואַלד אויף אים אַרויפגעצוואונגען, האָט נישט קיין זכות־הקיום, איז פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל, ווערט אָבער ביז דער צייט פונעם דאָזיקן דורכפאַל דערווייל צעריסן און צעשטערט אַ טייל נאַטיר־לעכע כּוחות פונעם פאָלק. און איר שעדלעכע פּסיכאָלאָגישע אויס־ווירקונג העלפט דערווייל מיט מטושטש צו מאַכן דאָס אייגענע נאַ־ציאָנאַלע געשטאַלט. ווייל יעדע נישט־געוואונטשענע אַריינדרינגונג אין לפני ולפנים פון דער נאַציאָנאַלער נשמה לאָזט שוין איבער איר שעדלעכן חותם. —

## די אָפּשטאַמונג פון „כּכל־הגוים"־באַגריף

פון וואַנען נעמט זיך דער דאָזיקער „כּכל־הגוים"־באַגריף אין זיין ערנסטן פּירוש, — און אויך אין זיין איראָנישן באַנוץ — ווי אַן אָפּשפּעטונג און חוזק איבער אַל דאָס פון דער פרעמד צו אונדז אַריבערגעבראַכטע, און נישט־פּאַסיקע פאַר אונדז, שעדלעכע? זיין אור־מקור שטאַמט נאָך פון באַגינען פון דער יידישער געשיכטע, פון דער צייט פון שמואל הנביא. שוין דעמאָלט ווערט אינטערפּרע־טירט, זאָל שמואל האָבן אויסגעדריקט זיין גאַנצע פאַרביטערונג און פאַרדראָס קעגן די זקני־ישראל, אין דער צייט ווען זיי זענען גע־קומען צו אים בעטן, ער זאָל זיי באַשטימען אַ מלך, צוליב זייער אָק־צענטירן דעם אין פלוג גערעכטן פאַרלאַנג פון: „שימה לנו מלך לשפטינו (גיב אונדז אַ קעניג צו משפטן) מיט די ווערטער „כּכל־הגוים" (ווי אַלע פעלקער).

„ס'טייטש", זאָל שמואל האָבן געצאָרנט, „ווייל אַלע פעלקער האָבן אַ קעניג, דאַרפט איר אויך האָבן, בלויז דערפאַר?" און ער שילדערט זיי אַ מוראדיק בילד פון די צרות, וואָס זיי וועלן האָבן פון זייער אייגענעם קעניג (שמואל א, ח'). און מעג דער אמתער פאַרדראָס פון שמואלן גאָר זיין אַ פערזענלעכער, האָט זיך דער דאָזיקער פּירוש, דהיינו: ווייל נישט צוליב דער אינערלעכער נויט־

וועגדיקייט ווילן זיי אַ קעניג, נאָר גאָר דערפאַר, ווייל די איבעריקע פעלקער האָבן אַ מלך, ווילן זיי אויך האָבן, אָנגענומען און איז אַ־ריינגעדרונגען אין דער נאַציאָנאַלער פסיכיק פונעם פאָלק. דאָס פאָלק האָט דווקא דעם דאָזיקן נוסח אָנגענומען ווי אַ פסיכאָלאָגישן אמת, טראָץ דעם וואָס אין תנ״כישן מאָטיוו איבער שמואלס פאַר־דראָס, ווערט מער נישט איבערגעחזרט דער אויסדרוק ככל־הגוים, נאָר: „כאשר אמרו תנה לנו מלך לשפטנו” (ווייל זיי האָבן געזאָגט: גיב אונדז אַ קעניג צו משפטן). (דאָרט).

און מיטן דאָזיקן פסיכאָלאָגישן אמת, וואָס גייט איבער אין אַ נאַציאָנאַל־לאָגישן, דאַרפן מיר אַנאַליזירן און באַטראַכטן אַלע דער־שיינונגען אינעם יידישן לעבן. —

***

דאָס מיינט ווידער נישט, אַז מיר דאַרפן בכלל אָפוואַרפן יעדעם פרעמדע, אָן שום אַנאַליז און באַטראַכטונג, מעג עס אפילו זיין גוט און צוגעפאַסט פאַר אונדז; אַז אַלץ וואָס קומט מחוץ פון אונדז, איז שוין דערמיט אַליין טריף און פסול; אַז מיר דאַרפן זיך פאַר־שליסן און פאַרמאַכן אונטער אַ כינעזישער וואַנט, נישט אַריינלאָזנדיק צו זיך קיין שום זוניקן שטראַל; אָדער אָפשליסן זיך אין אַ הערמעטיש־פאַרמאַכטן געטאָ, הגם אין אַ געוויסער מאָס אין אַ גייסטיקן געטאָ שליסט זיך יעדעס פאָלק אָפ, און אפילו אַ מאָל, אין אַ פיזישן, דורכן סעפּאַרירן זיך אין באַזונדערע קוואַרטאַלן אין די אימיגראַציע־לענדער. ווייל דאָס שלעכטס פון גייסטיקן געטאָ באַ־שטייט נאָר אין זיין צוואַנג. אין דעם אויפצווינגען אים אויף אונדז מחוץ, און נישט אין זיין אינערלעכער נויטווענדיקייט. —

נאָר דאָס מיינט: אַז אַלץ וואָס מיר טראַכטן און טוען איבער אַלע געביטן פון יידישן לעבן, די קולטור אַריינגערעכנט, דאַרף באַ־דינגט ווערן קודם־כל פון דער אינערלעכער נויטווענדיקייט. עס דאַרף אַרויספליסן פון אונדזער אייגענער נאַציאָנאַלער באַדערפע־ניש. די איבערגענומענע דערשיינונגען דאַרפן זיין אין הסכם מיט אונדזערע נאַציאָנאַלע נויטן און באַדערפענישן און אויך נישט אין סתירה צו דער מענטשלעכער עטיק און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

נישט מיר נעמען סתם איבער דערשיינונגען אָן שום איבערקלייב, צי עס פּאַסט פאַר אונדז צי נישט, נאָר אַלץ מוז אַדורכגיין דורך דער פּריזמע פון אונדזער נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישן און לאָגישן באַנעם. און אויך דאָס דורך אונדז איבערגענומענע, דאָס שוין געכשרטע פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן געברויך, דאַרף אַזוי איבערגעאַרבעט ווערן, אַזוי פאַראייגנט ווערן, ווי ס'זאָל ממש לכתחילה האָבן געווען זיין אונדזער אייגנס, ווי פאַר אונדז באַשאַפן געוואָרן.

***

ובכן מיט אונדזער כּכל־הגוים־טענה ווילן מיר דעמאַסקירן און אַראָפּרייסן דאָס פאַרקערטע פון דעם נאָר וואָס געזאָגטן. מיר ווילן אַראָפּרייסן דעם שלייער פון כלומרשטער קדושה, וואָס דאַרף צודעקן די אין דער אמתן טמאדיקע ערטער פון אונדזער לעבן. מיר ווילן אַרויסנעמען די טומאה פון דער יראה. — און מיר מוזן ליידער מודה זיין, אַז די כּכל־הגוים־פּסיכאָלאָגיע האָט זיך ביי אונדז אַריינגעכאַפּט אין אַ סך אָנגעזעענע ערטער. און הגם נישט אומעטום ברענגט זי דעם זעלבן שאָדן, זי איז נישט פון איינער און דער זעלבער מדרגה, ווייל זי האָט אויך מילדערנדיקע אומשטענדן, איז אָבער שוין דער עצם־פאַקט פון איר עקזיסטענץ פאַר אונדז שעדלעך. דער פאַקט אַליין פון איבערווינקען זיך, פון שיקלען מיט אַן אויג צו יעדער פרעמדער יפת־תואר איז אין עצם שוין נישט מאָראַליש, און דאָס צעשטערט אונדזער נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע. און אויסער דעם וואָס זי איז שעדלעך, זי צעברעכט אונדזער נאַציאָנאַל לעבן און צעשפּאַלט אונדזער פּסיכישע גאַנצקייט, דעם עיקרדיקסטן יסוד פון אונדזער זיין, איז זי בכלל נישט צוגעפּאַסט צו אונדזער לאַגע, צו אונדזער סיטואַציע אין דער וועלט, וואָס מיר פאַרנעמען ווי אַ פאָלק. זי איז אויך פּשוט נישט לאָגיש און איר יסוד איז לכתחילה טעותדיק. זי איז טעותדיק, ווייל זי רעכנט זיך בלויז מיטן פאַקט פון אונדזער פאָרמעלן זיין ווי אַ פאָלק, און נישט מיט אונדזערע אינערלעכע אייגנשאַפטן און יסודות, וואָס טיילט אונדז אָפּ און מאַכט אונדז אַנדערש ווי די אַנדערע פעלקער. און אויך נישט

מיט די ספּעציפישע באַדינגונגען און מיט דער עטנאָגראַפישער לאַגע פון אונדזער זיין צווישן די פעלקער.

## דער הויפּט־אונטערשיד פון אונדזער נאַציאָנאַל־גייסטיקער קאָנסטרוקציע

אין וואָס זשע באַשטייט דער הויפּט־אונטערשיד פון אונדזער נאַציאָנאַל־גייסטיקער קאָנסטרוקציע, וואָס מאַכט אונדז אַנדערש ווי די אַנדערע עפלקער?

דער הויפּט־אונטערשיד באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז קודם־כל אַ נאַציאָנאַל־אינערלעכער, און נישט אַ נאַציאָנאַל־אויסערלעכער, מיט וואָס עס טיילט אָפּ די איבעריקע פעלקער איינעם פון אַנ־דערן. —

און אַ נאַציאָנאַל־אינערלעכער מיינט: אַז שוין אונדזער לכתּ־חילה'דיקער אַרויסטריט אויף דער וועלט־אַרענע ווי אַ פאָלק, איז באַלד געווען יסודותדיק אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער. מיר זענען אויפגעקומען צי מיר ווילן צי נישט, ווי אַן אחדיקער אייגנ־אַרטיקער קאָלעקטיוו, אַ גאַנץ באַזונדערער, אַן „עם לבדד ישכון". אויך דעמאָלט, אינעם בראשית פון אונדזער נאַציאָנאַלן געבורט, זענען געווען פאַרשידענע פעלקער, קליינע צי גרויסע. און אָט די אַלע דעמאָלטדיקע פעלקער און פעלקערלעך, האָט זיי איינעם פון אַנדערן אָפּגעטיילט נאַציאָנאַל, אויב מען קען אַזוי רעדן מיט הײַנ־טיקע באַגריפן, פונקט ווי הײַנט די הײַנטיקע נאַציעס, בלויז אַן אויסערלעכע מחיצה. עס האָט זיי אָפּגעטיילט די געאָגראַפישע גרע־נעץ, דער שפּראַך־דיאַלעקט און דער שבט־גאָט. — און וויסן דאַרף מען, אַז אפילו דער כלומרשט באַזונדערער אָפּגאָט־קולט איז אויך נישט פאַר זיי געווען קיין באַזונדערער אינערלעך נאַציאָנאַלער סימן, וואָס האָט געזאָלט שאַרף אָפּטיילן איינעם פון אַנדערן. ווייל צווישן איין גאָט און דעם צווייטן איז געווען בלויז אַן אויסערלעכער אונטערשיד, אַ וואַריאַנטן־אונטערשיד, און נישט מער; ווי ס'איז געווען דער אונטערשיד צווישן עגיפּטישן גאָט־קאַלב (אַפּיס) און דעם אָפּגאָט־געשטאַלט פון „דגון", וואָס איז מענטש און פיש צוזאַ־מען אין אַ גלייך שטייענדיקער מענטשלעכער פּאָזע. אָדער צווישן

זייביידע און דעם „בעל־אַפּגאַט, וואָס האָט אַ מענטשלעכן קאָפּ, מיט אַרויסגעהויבענע יונגע הערנערלעך און אַראָפּגעלאָזטע ווי צוויי רונדע דעכלעך ביי די אויערן. דער זעלבער אונטערשיד איז געווען צווישן די הונדערטער שבטים־ און פאַמיליע־געטער. און ווי דער אונטערשיד זאָל נישט האָבן געווען אַ וואַריאירטער, אַן אוי־סערלעך־פאָרעמדיקער, אַ כמותדיקער, כאָטש אויך אינעם דאָזיקן קליינעם פאָרעם־אונטערשיד זענען געווען געוויסע באַרירונגס־פונקטן. ווייל פיש, קאַלב, הערנער, האָבן דאָך צווישן זיך יסודות־דיקע ענלעכקייטן. אָבער דערפאַר איז קיין איכותדיקער אונטער־שיד צווישן זיי נישט געווען און האָט נישט געקאָנט זיין. פאַרקערט גאָר, פסיכיש, זענען זיי אַלע געווען ווי גלייך צו זיך. זיי האָט אַלע פאַראייניקט דער געצן־קולט, און דערמיט פאַרבונדענעם פסיכישן אופן פון אויפנעם. אַזוי, אַז אין זייער „נאַציאָנאַלן" כאַראַקטער און מענטאַליטעט זענען זיי געווען ענלעך איינער צום אַנדערן. און וואָס מער זיי זענען געווען צו זיך ענלעך, אַלץ ווייניקער האָבן זיי מורא געהאַט פאַר פאַרפרעמדט ווערן, פאַרן אָנווערן זייער גייסטיקע איינגנאַרטיקייט, ווייל זיי האָבן אין דער אמתן נישט געהאַט. ווייל זייער באַזונדערער גייסט און שטייגער איז נישט געווען ווענזנט־לעך פאַרטיפט און דיפערענצירט. —

אָבער די בני־ישראל האָבן שוין אויך דעמאָלט געהאַט אַ באַ־זונדערן, איינציק־אַרטיקן פאַרטיפט־דיפערענצירטן גייסט און שטיי־גער (הגם זיי האָבן געזינדיקט קעגן אים פון צייט צו צייט), וואָס האָט זיי געמאַכט אַנדערש פון אַלע דעמאָלטדיקע פעלקער. שוין דער יידישער מאָנאָטעאיזם אַליין, ווי נאָך רוי און נישט פאַר־וואָרצלט ער איז געווען, איז ער פאַרט געווען דער איינציקער יידישן־נאַציאָנאַלער פענאָמען אין דער דעמאָלטדיקער וועלט. אַזוי, אַז אויך שוין דעמאָלט איז דער אונטערשיד געווען אַ נאַציאָנאַל־אי־נערלעכער און נישט אַן אויסערלעכער. און טאַקע דערפאַר, ווייל דער אונטערשיד איז געווען אַ געוואַלדיק טיפער, איז די מורא ביי די פירער פון די בני־ישראל פאַר פאַרפרעמדט ווערן און דורך דעם אַליין צו גיין צום נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג געווען געוואַלדיק גרויס. האָט די כלל־הגוימדיקע פסיכאָלאָגיע אויך שוין דעמאָלט פונקט ווי

היינט, געקאָנט שאַדן. און אַז זי האָט טאַקע געשאַדט, האָט דער־פירט צום אונטערגאַנג פון די עשרת־השבטים, דערציילט אונדז די געשיכטע אַליין (זע, פאַר וואָס זענען אונטערגעגאַנגען די עשרת־השבטים).

***

אויך איצט באַשטייט קודם־כּל דער הויפּט־אונטערשייד צווישן אונדז און די איבעריקע פעלקער אין אונדזער אינערלעכן וועזן. אין דער אינערלעך נאַציאָנאַל־גייסטיקער קאָנסטרוקציע פון אַ באַזונ־דער פאָלק. און ווי אָפּגעשוואַכט ס׳זאָל נישט זיין ביי אַ טייל פון אונדז די נאַציאָנאַל־גייסטיקע דיפערענציאַציע, צוליבן אָפּגע־שוואַכט ווערן פון דער רעליגיעזער ראַם, — איז פאָרט נאָך דער נאַציאָנאַל־פּסיכישער אונטערשייד אפילו צווישן דאָזיקן טייל און די איבעריקע פעלקער געוואַלדיק גרויס. ער איז גרויס דערפאַר, ווייל די נאַציאָנאַלע פּסיכיק און מענטאַליטעט פון דורות, וואָס באַזירט אויף די עיקרדיקסטע זיילן פון יידישן באַנעם, ווי: די איינקייט און איינציקייט פון גאָט ווי אַ הויפּט־כּוח, דאָס פאַרגייסטיקן אַלע דער־שיינונגען, דאָס אונטערוואַרפן אויף די עסטעטיק אונטער דער עטיק... האָט זיך ביי אונדז איינגעגעסן אין די ביינער. און די דאָזיקע גייסטיקע ווערטן זענען דאָך געוואָרן טיף־אינערלעכע. שוין דאָס אַליין איז גענוג אונדז אוממעגלעך צו מאַכן, צוזופּאַסן זיך צו אַזעלכע, וועמענס אויסגעאַרבעטע פּסיכיק איז דאָס קעגנזעצלעכע פון אונד־זערער — הגם, דאָס אַליין ווי עיקרדיק דאָס זאָל נישט זיין, איז נאָך נישט אַלץ. צו דעם קומען נאָך צו אַנדערע סיבות און שטערונגען, וואָס דערלאָזן נישט קיין צופּאַסונג. סיידן ביי אַזעלכע יידן, וואָס זענען שוין אין גאַנצן אויסגעליידיקט פון זייער יידישער פּסיכיק, און במילא גרייט מוותּר צו זיין אויף זייער שארית־היידישקייט. איז וועגן אַזעלכע רעדן מיר נישט. פאַר זיי, ווי אויך פאַר אונדז, איז בעסער וואָס פריער זיי זאָלן דאָס מאַכן. זאָלן זיי זיך נישט פּלאָנ־טערן צווישן אונדזערע פיס און מיר זאָלן זיי קאָנען וואָס גיכער אָ־ראָפּנעמען פון חשבון.

און מיט דעם טאַקע, מיט אונדזער אינערלעכער קאָנסטרוקציע

זענען מיר דאָך אַן „עם לבדד ישכון" אַן אָריגינעל באַזונדער פאָלק. אָריגינעל, נישט בלויז דערמיט, וואָס מיר האָבן אַן אייגנאַרטיקן דרך, נאָר שוין דערמיט אַליין, וואָס מיר זענען אַן איינציק אחד־פאָלק. — און יעדע דערשיינונג, וואָס זי איז אַ „יחיד במינה", זי איז איינציק און אַליין אין איר מין, איז שוין דערמיט אַליין אָרי־גינעל.

ובכן פאַסן מיר זיך צו צו אַנדערע, טוען מיר זיי נאָך, זענען מיר דאָך שוין נישט קיין אָריגינאַל, און במילא נישט קיין יידיש פאָלק. איז אונדזער טויט־אורטייל ווי אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו געחתמעט.

***

מיר האָבן אויבן באַוויזן: אַז די אַמאָליקע פעלקער, ווי ווייט זיי זענען מיט זייער נאַציאָנאַל־פּסיכישער קאָנסטרוקציע געווען אַנדערש פון די בני־ישראל, זענען זיי אָבער צווישן זיך יאָ געווען ענלעך. זיי האָבן איינער מיטן אַנדערן געהאַט געוויסע באַרירונגס־פונקטן, וועלכע די בני־ישראל, צוליב זייער עצמדיקער אַנדערש־קייט, האָבן מיט זיי נישט געקאָנט האָבן.

איז היינט אַנדערש די לאַגע, האָט די צייט־דיסטאַנץ, וואָס טיילט אונדז אָפּ פון אונדזערע עלטערן, אַריינגעטראָגן קאַרדינאַלע ענדערונגען אין דער דאָזיקער באַציאונג ? האָבן די היינט לעבע־דיקע פעלקער זיך צו אונדז גייסטיק דערנענטערט, אַזוי, אַז מיר זאָלן האָבן מיט זיי געוויסע באַרירונגס־פונקטן, פונקט אַזוי ווי זיי האָבן איינער מיטן אַנדערן צווישן זיך ? אָ, ניין !

אויב צווישן די אַמאָליקע בני־ישראל און די אַרומיקע פעל־קער האָט אָפּגעטיילט די מחיצה פון יהוה־קולט און זיינע איסוריר־קונגען, איז אָבער דערפאַר די געצנדינערישע קולטור פאַר זיך אַליין נישט געווען קיין איינהייטלעכע. זי איז געווען טראָץ די געוויסע ענלעכקייטן צו זיך צעברעקלט, צעשטיקלט לויט דער פאַרשידנקייט פון די שטאַמען און שבטים, אַזוי ווי עס זענען דעמאָלט געווען צע־ברעקלט די פאַרשידענע לענדער אויף באַזונדערע שטעט־ און דער־פער־מלוכות. אָבער די היינטיקע פעלקער (ספּעציעל די קריסטלע־

כע), זענען איינהייטלעכע נאַציאָנען, פּאַראייניקט אונטער איין קריסטלעכער קולטור, וואָס זי איז נישט נאָר יסודותדיק אַנדערש פון אונדזערער, נאָר זי איז אין דער פּראַקטיק טראָץ דעם נוצרי, אונדזער אייגענעם זון מיט אונדזערע „פּסאַלמען", אין איר עצם פיינטלעך צו אונדז. און דערמיט אַליין, וואָס זי טרעט אַרויס ווי אַן איינהייטלעכער כוח און איז תאוותדיק עקספּאַנסיוו (אָפּגעזען פון איר האָס צו אונדז) פאַרטיפט זי נאָך אַליין די דאָזיקע אַנדערשקייט... און פונקט אַזוי ווי די אַמאָליקע פעלקער און שטאַמען האָבן געהאַט צווישן זיך געוויסע באַרירונגס־פּונקטן, ווייל זיי האָט צו־זאַמען באַרירט דער עצם־פאַקט פון געצן־קולט — ווי ניואַנסירט ער זאָל נישט האָבן געווען — אַזוי האָבן אויך היינטיקע פעלקער פונעם זעלבן קולטור־קרייז (קריסטלעכע, מוסולמאַנישע, בודיסטישע א. א.), צווישן זיך געוויסע באַרירונגס־פּונקטן, וואָס פליסן קודם־כל אַרויס פון זייער געמיינזאַמען קולטור־ און שטייגער־אויפנעם, פּלוס זייער פאַראייניקטער נישט־פריינדלעכקייט לגבי אונדז — טאַקע צוליב אונדזער קולטור־אַנדערשקייט; בפרט ביי די פאַנאַטיש־גלויביקע, צוליב דער איינגעפלאַנצטער רעליגיעזער שנאה צו אונדז. און שוין די דאָזיקע זייערע בשותפותדיקע באַרירונגס־פּונקטן דאַרפן זיין גענוג, אונדז צו דערווייטערן פון זיי.

## דער אויסערלעכער אונטערשיד, צוליב אונדזער לאַגע אין דער וועלט

אָבער נישט נאָר איז די כלל־הגוימדיקע פּסיכאָלאָגיע שעדלעך צוליב אונדזער אינערלעכן אונטערשיד, ווי מיר האָבן אויבן באַוויזן, נאָר האָס פאַרקוקן זיך און וועלן זיך גלייכן צו אַנדערע פעלקער איז שוין אין איר עצם נישט נאַציאָנאַל־לאָגיש און פשוט טעותדיק, כאָטש בלויז צוליבן אויסערלעכן אונטערשיד, וואָס איז פאַראַן צווישן אונדז און זיי.

דער אויסערלעכער אונטערשיד באַשטייט אין דער לאַגע און אין אונדזער אָרט אין דער וועלט, וואָס מיר פאַרנעמען ווי אַ פאָלק.

מיר דאַרפן קודם־כל וויסן, אַז מיר זענען נאָך נישט קיין נאָרמאַל טעריטאָריאַל־קאָנצענטרירט פאָלק ווי אַנדערע פעלקער. און

מיר ווערן דאָס נאָך לאַנג נישט זיין, טראָץ דעם אויפקום פון דער מדינה און אונדזער וואונטש צונויפצוזאַמלען די גלותן. די מדינה איז נאָך דערווייל דער קיבוץ־גלויות אונטערוועגנס, ווי דער ציוניזם איז ביז דער מדינה־אַנטשטייאונג געווען די מלוכה אונטערוועגנס. און ס'איז גרינגער צו מאַכן פון אַ מלוכה אונטערוועגנס אַ מדינה, ווי פון אַ קיבוץ־גלויות אונטערוועגנס אַ מדינה־פאָלק. —

און אויב ביי די אַנדערע פעלקער זענען אויך געוויסע טיילן מחוץ פון זייער מדינה, איז עס נאָר אַ קליינער טייל; יעדנפאַלס, איז די מערהייט קאָנצענטרירט אינעם אייגענעם לאַנד. ביי אונדז אָבער איז פאַרקערט: נאָר אַ קליינער טייל איז אין ישראל, און די מערהייט, ניין צענטל, מחוץ פון איר.

און דער דאָזיקער רוב מנין ובנין איז צעשפרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און בילדעט אומעטום קליינע מינדערהייטן — מינדערהייטן צווישן גרויסע פעלקער. און נישט נאָר זענען ביי די אַנדערע פעלקער זייער רוב קאָנצענטרירט אינעם אייגענעם לאַנד, זייענדיק דער הערשער איבער זיין אייגענעם גייסט און זיין קולטור, נאָר דער שטאַט, זיין שטאַט, איז דער שיצער און אָפּהיטער פון זיין קולטור און אייגנאַרטיקייט, וואָס איז דאָך די קולטור פון דער נאַציע. אַזוי, אַז די מלוכה אַליין, ווי אַ פּאָליטישער כוח, וואַכט איבער איר און היט איר אָפּ פון אַ בייז אויג, הגם קיינער פון די מינדערהייטן אין לאַנד (אויב אַזעלכע זענען פאַראַן) וועט נישט וואַגן איר אָנצוגרייפן. און טאָמער וואָלט איר יאָ אַ געוויסע מינדערהייט קולטורעל אָנגעגריפן, און ס'וואָלט אפילו דער דאָזיקער מינדערהייט געלונגען טיילווייז איר צו אַסימילירן, וואָלט עס אויך פאַר דער מערהייט מער נישט געווען ווי אַ קליינע שטייגער־אַסימילאַציע. און די דאָזיקע קליינע אַסימילאַציע וואָלט נישט דערבראַכט צו איר נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג; ווייל דער קולטור־אונטערשיד פון די פעלקער פונעם זעלבן קרייז איז, אויסער דער שפּראַך, אַ גאָר מינימאַלער. יסודותדיק איז די קולטור־באַזע פונעם זעלבן פעלקער־קרייז, איינע און די זעלבע. אַזוי, אַז קיין גרויסער נאַציאָנאַלער שינוי־ערכין וועט ביי זיי נישט פאָרקומען. ווייל פאַר דער שפּראַך און די איבעריקע הויפּט־סימנים זאָרגט שוין די מלוכה אַליין. זיי זענען דאָך

גלייכצייטיק אי די עיקרים פונעם פאָלק, אי פון דער פּאָליטישער נאַ־
ציע, ד. ה.: פונעם שטאַט אַליין.

***

אָבער מיר — מיר, אַ פאָלק וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, ווי קאָנען מיר זיך גלייכן צו די דאָזיקע פּאָליטישע ביי זיך קאָנצענטרירטע פעלקער, הגם מיר האָבן שוין אַ מדינה, אָבער דערווייל אַ מדינה, וואו אַ גרויסער פּאָליטישער קאָפּ און אַ נישט גלייכער פאַרהעלטעניש צום קליינעם גוף וואָס געפינט זיך אין איר. מיר, אַן עם־אחד, אַן אַליינִיק־פאָלק, וואָס געפינט זיך ווי קליינע אינדזולעך צווישן גרויסע פעלקער־ימים. און ימים אונדז פרעמדע ווי מיר זענען זיי גייסטיק פרעמד. ימים שטורמישע, אפילו ווען זיי שטורעמען נישט ספּעציעל קעגן אונדזער גוף און אויך נישט קעגן אונדזער גייסט, נאָר צוליב דער בלויזער טבע פון ים צו שטורעמען, צו רייסן זיך מיט ווילדער סטיכיע פון ברעג און פאַרשלינגען אַלץ, וואָס איז נישט באַשיצט און ימיש־אייגן. — און די האַנט פון אונדזער מדינה, ביי איר בעסטן ווילן און דער געטריי־שאַפט אירער צום צעשפּרייטן פאָלק אין די תפוצות, קאָן צו אים נישט גרייכן, בכדי צו שיצן זיינע נאַציאָנאַלע עיקרים, ווי די אַנ־דערע מלוכות זייערע פּאָליטישע נאַציעס. און נישט נאָר, וואָס אונד־זער יעדער קיבוץ אין די תפוצות איז אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, ער דאַרף אַליין היטן זיין נאַציאָנאַלן אויפהאַלט, נאָר ער דאַרף נאָך צוזאַמען מיט זיין אייגענעם אויפהאַלט פעסטיקן די נאַציאָנאַלע פאַרבינדונג מיט די איבעריקע יידישע קיבוצים און צוזאַמען מיט זיי אַריינגיסן זיך אין דער אַלגעמיינער קייט פון נאַציאָנאַלן אחדיקן זיין פונעם פאָלק. און אַזוי אַרום ווי אַ פאַרשמאָלצענע נאַציאָנאַלע איינהייט צוגרייטן זיינע קאַדרען פאַרן פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות — אַן אויפגאַבע, וואָס קיין שום פאָלק אין דער וועלט האָט זי נישט.

איז דעריבער קלאָר: יעדעס גלאָצן מיט די אויגן און וועלן זיך פאַר־קוקן אויפן לעבן פון די אַנדערע פעלקער, נעמענדיק עס פאַר אַביישפּיל און פאַרגלייך צו אונדזער לעבן, איז יסודותדיק פאַלש, לאָ־גיש־טעותדיק, און במילא שעדלעך פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן זיין. —

# יידישקייט און מענטשלעכקייט

איז יידישקייט, די נשמה פון דער יידישקייט, קעגן מענטשלעכ־קייט — אַנדערש געזאָגט: איז ייד־זיין, קעגן מענטש־זיין, נעמט נישט אַריין אין זיך ווי אַ שוואָם דער ייד־באַוואוסטזיין, דעם גאַנצן מענטש־באַוואוסטזיין, אינעם שענסטן און דערהויבנסטן זין פונעם וואָרט?

אויף דער דאָזיקער פראַגע, וועלן מיר פרווון געבן אַן ענטפער.

***

די נשמה פון דער יידישקייט איז נישט סתם אַזוי געזאָגט. — וואָרעם ווי יעדע זאַך און דערשיינונג קאָן מען צעטיילן אויף איר אויסערלעכער און אינערלעכער זייט, אַזוי קאָן מען אויך די יידישקייט צעטיילן אויף איר אויסערלעכער זייט, וואָס דאָס איר גוף, און אויף איר אינערלעכער, וואָס איז די נשמה פון דער יידישקייט, איר גייסטיקער עצם. —

***

דער גוף פון דער יידישקייט, איז דער שולחן־ערוך. דאָס זענען די דינים און נאָרמעס און מיט זיי פאַרבונדענע פאָרמאַליטעטן, וואָס דאַרפן קאָנקרעטיזירן און סימבאָליזירן די געדאַנקען פון דער גייסטיקער יידישקייט. און וואָס האָבן אויך געדאַרפט אָפזונדערן און אָפהיטן דעם קיום פון דער מלוכהלאָז געוואָרענער אומה, דורכן פאַרגייסטיקטן שטאַט, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעטראָגן אויף זייער גלות־וועג, אַזוי ווי די בני־ישראל האָבן מיט זיך געטראָגן דעם משכן אין דער מדבר.

***

די נשמה פון דער יידישקייט, איר סאַמע גייסטיקער תוך, איז

איר יידישער מענטש־וועלט־באַנעם. דאָס איז דער יידישער אייגנאַרטיקער קוק אויפֿן פּראָבלעם פֿון מענטש און וועלט.

אין וואָס זשע דריקט זיך אוים דער דאָזיקער קוק? ער דריקט זיך אוים אין דעם, וואָס די יידישקייט שטעלט אַלץ אויפֿן מענטש. ער איז דער אויסגאַנגס־פּונקט פֿון אַלץ און אַלעמען, און נישט די וועלט. דער מענטשלעכער איך איז דער באַראָמעטער פֿאַר אַלע דערשיינונגען. נאָר זיין איך־באַוואוסטזיין איז דער באַשטימענדיקער פֿאַקטאָר פֿון אַלץ. און דורך דער דערקענטעניש פֿון זיין אייגענעם איך, דערקענענדיק זיין אייגענעם אחד, דערקענט ער דעם אחד פֿון דער וועלט. ווייל נאָר דורך זיך, דורך דער אייגענער איךפּריזמע, נעמט ער אויף די אויסערלעכע וועלט. זי די וועלט איז אַזוי פֿיל רעאַל, אויף וויפֿל זיין איך, נעמט איר אויף פֿאַר אַזעלכע. אויסער זיין אייגענעם איך־באַוואוסטזיין איז נישטאָ קיין אַנדערע רעאַליטעט. ער פֿאָרעמט בכן און געשטאַלטיקט די אויסערלעכע וועלט, לויטן אויפֿנעם פֿון זיין אייגענעם פּסיכאָלאָגישן אמת. — איז זי שלעכט, דאַרף מען איר מתקן זיין. און אויב ער איז נישט ביכולת באַלד איר צו פֿאַרריכטן, באַשאַפֿט ער איר דערווייל איבער אין דער מחשבה. ער רעזיגנירט אָבער קיין מאָל נישט זי איבערצומאַכן בפּועל, אפֿילו אויב ער דאַרף וואַרטן אויפֿן אחרית הימים. —

און אַז אַלץ איז שלעכט, ס'איז „כלו כל הקצין", הייסט עס נאָך נישט, אַז מען דאַרף אַריינפֿאַלן אין אַ אָן־סופֿיקן יאוש און פֿראַווען בודיסטישן „נירוואַנא". אַ ייד פֿאַלט גאָר קיין מאָל נישט אַריין אין קיין פֿאַרגליווערטן רו־צושטאַנד. פֿאַרקערט, אַ ייד איז דינאַמיש. ער עסט זיך נישט אויף לעבעדיקערהייט צוליב עפּעס אַן אויסגעטראַכטער עצבות. אינעם יידישקייט־לעקסיקאָן איז בכלל נישטאָ דאָס וואָרט רעזיגנאַציע. דער יידישער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו איז ובחרת בחיים!.

**
*

דער עצם־מענטש איז די פֿרייע פּערזענלעכקייט וואָס אין אים. און אַלץ דאַרף אים, דעם מענטש, דינען. אַלץ דאַרף אים באַפֿליגלען און דערהייבן. און אַז דאָס לעבן איז פֿאָרט אַנדערש, דאַרף מען זיך

באַשאַפן אַזאַ עמאָציאָנעל לעבן, וואָס זאָל אים פאַרדעקן אָט די אַנ־דערשקייט, מען זאָל זי נישט אַרויסזען. און נישט סתם לעבן איז אַלץ, נאָר דאָס זיך אויסלעבן. אָבער אויך דאָס ייִדישע אויסלעבן זיך איז אַנדערש ווי דאָס העלעניסטישע. ווען דער העלעניזם ווערט נתפעל פאַר די בלויזע אויסערלעכע דערשיינונגען, פאַלט די ייִדיש־קייט פאַר זיי נישט קיין כורעים. די ייִדישקייט בוקט זיך בכלל נישט צו קיין טויטע שיינקייטן. איר איז דערווידער דער נאַטור־פעטישיזם, ווי יעדער פעטישיזם בכלל.

אָנשטאָט דעם אָבער אַנערקענט זי און הייבט אַרויס גאָר די אינעווייניקסטע שיינקייטן פונעם מענטש אַליין. — זי קוויקט זיך מיט דער דערהויבונג און לייטערונג פון זיינע אייגענע עטיש־עס־טעטישע געפילן און מחשבות. און אַז דער מענטש אינעם ייִד איז אַלץ (אין זיין מאָראַלישן זין), איז דער עיקר דאָס גוטס־טאָן, די מעשים טובים — דאָס פאַרגרינגערן דעם מענטש דאָס לעבן. ווייל הייליק איז דאָס לעבן. און פאַרגרינגערן אים דאַרף מען סיי פּראַק־טיש, סיי אויך גייסטיק, דורך לכתחילה נישט דערלאָזן קיין טאָ־טשענדיקע גריבלענישן און ספקות, וואָס דערפירן צו דער צעשפּאַל־טונג פון דער מענטש־פּערזענלעכקייט און צעשטערן די האַרמאָניע וואָס אין אים. —

דאַקעגן העלפן אים, זיך באַשאַפן אַ פלאַמענדיקן לעבנס־עקס־טאַז דורך זיין אייגענער טיף־עמאָציאָנעלער אויסלעבונג...

**
*

בכן איז ייִד־זיין כולל אין זיך דעם גאַנצן מענטש־זיין — מענטש־זיין אינעם דערהויבנסטן מאָראַליסטישן זינען. אויב, אינעם קערפּערלעכן זין, מיינט מענטש, — זיין פיזיש־ביאָלאָגישער עצם, מיינט ייִד־מענטש, אינעם גייסטיקן זין, זיין פסיכאָלאָגיש־מאָראַלי־שער עצם. קורץ: ייִד איז אַן אייגנאַרטיקע פאָרם פון מענטש־ און וועלט־פאַרשטייןּ, וואָס איז געוואָרן אויסגעשמידט אויף דער פייער־דיקער לעבנס־קאָוואַדלע פון ייִדישע דורות און איז אין פּיין פון בלוט און טרערן געוואָרן איינגעקריצט אין זייערע מוחות און פאַר־

חתמעט אין זייערע הערצער. איז דעריבער יידישקייט און מענטש־לעכקייט איינס, ווי צוויי זייטן פון איין גאָלדענער מטבע.

מענטשלעכקייט איז איר אינהאַלט און תוך, און יידישקייט איז איר אויסדרוקס־אופן און פאָרם.

⁂

אָבער ייד איז נישט נאָר אַ פיזיש־ביאָלאָגישער און פסיכאָלאָ־גיש־מאָראַלישער באַגריף, נאָר ייד איז אויך אַ באַשטימטער נאַ־ציאָנאַלער באַגריף. דער ייד געהערט דורך זיין אָפּשטאַמונג, גורל־געמיינזאַמקייט און כאַראַקטער צום יידישן פאָלק. און געהערנדיק צום יידישן פאָלק, טראָגט ער, צוזאַמען מיט די איבעריקע פון זיין שטאַם, שטאָלץ דעם באַוואוסטזיין פון זיין אַ ייד, און מיט דעם דאָ־זיקן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין איז ער אויך געבונדן פאַר די געמיינ־זאַמע אינטערעסן און באַדערפעניש פון זיין פאָלק און פאַר זיין אייביקן קיום.

# כלל און פּרט אין פאָלק

וואָס איז דער כלל, אין וואָס באַשטייט זיין כאַראַקטער און וועזן? דער כלל, איז נישט מער ווי אַ צאָל פון יחידים, וואָס בילדן דעם דאָזיקן כלל, ווי די קייט איז נישט מער ווי אַ צאָל פון רינ־גען, וואָס בילדן די דאָזיקע קייט. דער מהותדיקער אונטערשיד אָ־בער צווישן דעם מענטשלעכן כלל און דער קייט איז אַ גענוג גרויסער. ווייל די קייט ווערט צונויפגעשטעלט פון רינגען, וואָס זענען נישט מער ווי טויטע שטיקלעך מאַטעריע אָן באַוואוסטזיין און געפיל. זיי האַלטן זיך צוזאַמען נאָר אַ דאַנק דער טעכניש־מעכאַנישער צונויפשווייסונג, וואָס ווערט אַדורכגעפירט איבער זיי. דאַקעגן דער מענטשלעכער כלל, באַשטייט פון מענטשן־יחידים מיט באַזונדערע נשמות, ווילנס און פאַרלאַנגען, וואָס זענען, ביי די אידעאַלסטע באַדינגונגען פון זייער כלל־באַוואוסטזיין, וועלטן פאַר זיך, און זענען קיין מאָל נישט אַזוי צונויפגעשווייסט ווי די רינגען אין דער קייט. פאַרקערט גאָר, וואָס מער באַוואוסטזיניק דער מענטש איז, וואָס טיפער ער פילט און באַנעמט זיין אייגענעם איך, אַלץ מער אינדיווידואַליסטיש איז ער. — און וואָס מער יחיד׳דיקער ער איז, ער פאַרמאַכט זיך אין זיין אייגענעם רינג, אָפּשליסנדיק זיך אין זיין דלת־אמותדיקן וועלטל, אַלץ ווייניקער רינגט ער זיך אַריין אין דער אַל־געמיינער קייט פונעם כלל.

אַ בעסערער פאַרגלייך וואָלט שוין געווען, מיט די ביימער אין וואַלד. ווייל די ביימער זענען נישט באַהעפט צווישן זיך ווי די רינ־גען אין דער קייט, וואָס דאָס דאָזיקע, די עצם־צונויפשליסונג פון די רינגען, מאַכט דאָך די קייט פאַר אַ קייט. — און אויך ביימער זענען ווי מענטשן אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן, און דאָך זענען זיי איינגעשלאָסן אינעם אַלגעמיינעם שטח פון וואַלד.

אָבער אויך דאָ איז דער חילוק אַ גרויסער. הגם אויסערלעך איז

דער פאַרגלייך מיט די ביימער שוין בעסער, ווייל זיי וואַקסן באַ־זונדער און געהערן צו דער לעבעדיקער נאַטור פון צמחים, געהערן זיי אָבער נישט צו דער דענקענדיקער וועלט, צו וועלכער עס גע־הערט נאָר דער מענטש.

בכן, דער מענטשלעכער כלל איז עפּעס מער ווי אַ מער־צאָל, מער ווי אַ בלויזער מאַטעמאַטישער סכום — ווייל ער באַשטייט פון באַוואוסטזיניק אָפּגעטיילטע וועזנס, וואָס באַהעפטן זיך אָדער וואָס זענען פון פריער באַהאָפטן דורך געמיינזאַמע אינטערעסן און שטרעבונגען. און הגם ער איז נישט אַזוי צונויפגעשווייסט ווי די רינגען אין דער קייט און קאָן דאָס אויך נישט זיין, — קאָן ער זיך פון דעסטוועגן צוזאַמען באַהעפטן, זיך פאַראייניקן. ער קאָן זיך דערפאַר גייסטיק פאַרשווייסן, הגם ווי אַ באַזונדערער יחיד, מיט די איבעריקע יחידים פון זיין גלייכן, אַ דאַנק דעם איינינקנדיקן צע־מענט פון זייערע געמיינזאַמע אינטערעסן, האָפענונגען און שטרע־בונגען. נמצא, דאָס געמיינזאַמע יחידישע באַשאַפט דעם כלל. אַנ־דערש געזאָגט: דער כלל איז אַזוי פיל כלל, איז אַזוי פיל שטאַרק, וויפל יחידישן צעמענט ער האָט אין זיך. — דאָס מיינט: „אין בכלל אלא מה שבפרט". די באַזע פונעם כלל איז דער פרט. צוליב אים, נאָר צוליב אים, ווערט ער באַשאַפן. דער כלל האָט נאָר דעמאָלט אַן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, אויף וויפל ער דריקט אויס דעם ווילן און די באַדערפענישן פון די יחידים, פון וועמען ער באַשטייט. און דאָס איז נוגע סיי זיינע מאַטעריעלע, סיי זיינע גייסטיקע באַדער־פענישן און שטרעבונגען. וואָרעם אויב דער פרט, וואָס איז אין זיין עצם אינדיווידואַליסטיש, איז מקריב אַ טייל פון זיך אויפן מזבח פון דער אַלגעמיינקייט, איז עס נישט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר כדי צוריק צו באַקומען נישט נאָר דעם קרן, זיין אַריינגעלייגטן טייל נאָר פּראָצענט פון דעם קרן. דאָס הייסט: די פּראָפּאָרציאָנעל גרעסערע הילף, וואָס ער דערוואַרט פונעם כלל, אַ דאַנק די גע־מיינזאַמע אָנשטרענגונגען. —

***

דער כלל, ווי אַ סאָציאַלע פאַרבינדונגס־פאָרם, איז אַזוי אַלט ווי

די וועלט. ער פֿאַרגרעסערט און אַנטוויקלט זיך מיטן פֿאַרגרעסערן און אַנטוויקלען זיך פֿון דער צאָל פֿון די יחידים פֿון וועמען ער באַשטייט. ער בייט אויך זיינע אופֿנים און פֿאָרמען, אינעם הסכם מיטן פּסיכאָלאָגישן אומבייט, וואָס עס מאַכן אַדורך זיינע יחידים. אָבער די אינעווייניקסטע לאָגיק, דעם גרונד־מאָטיוו, וואָס רופֿט אַרויס צום לעבן די טעטיקייט פֿונעם כלל, איז איינע און די זעלבע פֿון אייביק אָן. און דאָס איז די הילף, וואָס דער יחיד, דער פּרט, דערוואַרט פֿאַר זיך דורך די געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פֿונעם רבים. צי דאָס איז מיט געמיינזאַמע כוחות זיך צו פֿאַרטיידיקן קעגן דער פֿאַרציקנדיקער חיה, אין יענער אור־צייט, ווען ער אַליין, דער יחיד, איז נאָך געווען אַ וואַלד־מענטש, צי דאָס איז, העט־העט שפּעטער, ווען מען האָט געדאַרפֿט מיט געמיינזאַמע כוחות אַראָפּקאָלערן דעם שווערן שטיין פֿונעם ברונעם, אָדער גאָר שפּעטער, ביים ערשטן אויפֿשפּראָץ פֿון פֿאָלק־ און מלוכה־באַוואוסטזיין, ביי די דעצענטראַליזירטע שבטים, כדי דורך אַ גרעסערער צאָל און אויף אַ בעסער אָרגאַניזירטן אופֿן זיך פֿאַרטיידיקן קעגן דעם פֿיל־צאָליקן אָנפֿאַלער און באַרויבער פֿון זייער האָב און גוטס. שוין אינעם בלויזן זאָג: „לא טוב היות אדם לבדו" (ס'איז נישט גוט צו זיין אַליין — בראַשית ב'), אָדער ווי דאָס פֿאָלק זאָגט: „איינער איז קיינער", איז שוין אויסגעדריקט די גאַנצע לאָגיק פֿון אינסטינקטיוון לעבנסדראַנג פֿונעם מענטש, נאָך קעגנזייטיקער הילף, כדי דורך איר אַליין צו ווערן געהאָלפֿן.

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז דער כלל פֿאַרגרעסערט זיך מיט דער צאָל פֿון די יחידים, פֿון וועמען ער באַשטייט, און אַנטוויקלט זיך אין אינעם הסכם מיט זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג. ווייל בראַשית, אין דער ערשטער פֿאַזע פֿון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, איז דער אויסדרוק פֿונעם כלל געווען בלויז די פֿאַמיליע. די פּרימיטיווע פֿאַמיליע האָט געבילדעט דאָס ערשטע כלל־קעמערל. און הגם די באַציאונג פֿון די עלטערן צו די קינדער איז נישט געווען בלויז געבויט אויפֿן פּרינציפּ פֿון קעגנזייטיקער הילף, נאָר גאָר אויפֿן אומבאַוואוסטזיניקן געפֿיל אָדער אינסטינקט פֿון קינדער־ליבע, איז אָבער דער עלעמענט פֿון אַרויסהעלפֿן זיך, זיך גרינגער מאַכן דורך

די אויפוואַקסנדיקע מיטגלידער פון דער פאַמיליע, אויך נישט גע־וועזן פרעמד זייער באַוואוסטזיין — בפרט ביים שפּעטערדיקן צע־צווייגן זיך פון פאַמיליע־בוים אין פיל־צאָליקע ליניעס, נאָך פאַרן אויפקום פונעם שבט. דער אויפקום פון שבט אָבער, דאָס פאַראיי־ניקן די פיל־צאָליקע קרובהשע פאַמיליעס אונטער דער אָנפירונג פון די זקנים מיטן פירשט־נשיא אַלס ראש אין דער שפּיץ, איז שוין געווען אין יענער צייט פאַרן אויפקום פונעם פאָלק דער ערשטער קלאָר באַוואוסטזיניקער אויסדרוק פון כלל־לעבן, געבויט אויפן פּרינציפּ: דורך בשותפותדיקע זאָרגן און אָנשטרענגונגען זיך, דעם אייגענעם פּרט אַליין, צו העלפן. אָבער דער העכסטער כלל־אויס־דרוק, די העכסטע געזעלשאַפטלעכע פאָרם איז געוואָרן דאָס פאָלק.

דאָס פאָלק: די קייט, וואָס קייטלט אַריין אין זיך אַלע שבטים־רינגען און פאַראייניקט זיי דורך אַ צענטראַלן כוח אין איין געמיינ־זאַמער נאַציאָנאַלער איינהייט, כדי צו פאַרוואַנדלען זי דורך דער בשותפותדיקער מאַטעריעל־פּאָליטישער ראַם אין אַ מלוכהשע נאַ־ציע. ווייל צוליב די נויטן פון יחיד, נאָר צוליב אים, שאַפט און היט אָפּ די נאַציע דעם סטאַבילן מלוכה־אַפּאַראַט, וואָס איז דער העכס־טער מאַטעריעל־פּאָליטישער אויסדרוק פונעם כלל־לעבן פון דער נאַציע; דעם אַפּאַראַט וואָס שפּרייט אויס זיין הערשאַפט און פונק־ציאָנירט אויפן גאַנצן טעריטאָריאַלן שטח פונעם פאָלק, וואָס נעמט אַרום און רעגולירט אַלע זיינע מאַטעריעל־פּאָליטישע און גייסטיקע באַדערפענישן און זאָרגט פאַר זיין אייביקן קיום. אַזוי אַרום איז דאָס פאָלק, נישט עפּעס סתם אַן אַבסטראַקטער באַגריף, וואָס איז צו גאָרנישט מחייב, נאָר איז אַ לעבעדיקע קייט פון יחידים־רינגען, וואָס בינדן זיך צוזאַמען, שאַפנדיק אויף זיין העכסטער שטופע פו־נעם כלל־באַוואוסטזיין און ביי די געהעריקע מעגלעכקייטן די פּאָליטיש־מאַטעריעלע ראַם, כדי זיך, דעם פּרט אַליין, דורך דער דאָזיקער כלל־טעטיקייט צו העלפן.

***

אויב דאָס דאָזיקע, נאָר די געהעריקע סאָציאַלע און מאָראַלישע הילף, וואָס דער יחיד באַקומט פונעם כלל, איז דער פּרוו־שטיין,

איז די באַרעכטיקונג פאַר דער עקזיסטענץ פון דער טעטיקייט פון דעם דאָזיקן כלל — קליינעם צי גרויסן; פּריוואַטן צי מלוכה'שן — איז דאָס ביים יידישן פאָלק, וואו עס פעלן נאָך די עיקר־אַטריבוטן פון אַ נאָרמאַל־מלוכה'שער נאַציע, דהיינו: די נאַציאָנאַלע קאָנ־צענטראַציע (קיבוץ גלויות), און די צונויפשמעלצונג פון די גלויותן, (מיזוג גלויות), און וואו דער עיקר־באַדינג פאַרן קיום פון דער מדינה — איז די נאַציאָנאַל־סאָציאַלע האַרמאָניע פונעם פאָלק אווּ־דאי און אוודאי אַ גרונד־באַדינג פאַר דער עקזיסטענץ פון דער מדי־נה און אויפהאַלט פונעם פאָלק.

די שטאַרקייט און מעכטיקייט פון דער מדינה וועט קודם־כל זיין אָפּהענגיק אין דער קאָנקרעטער הילף, וואָס דער יידישער פּרט וועט פון איר באַקומען. ווייל אין דער מאָס, וואו ער וועט פילן די שוץ און זאָרג פון דער מדינה פאַר זיך, וועט ער אַוועקגעבן זיינע כוחות פאַר דער מדינה. נאָר אַזוי אַרום וועט זיך שאַפן די קעגנזייַ־טיקע גלייכע פאַרהעלטעניש צווישן יחיד און רבים, צווישן בירגער און דער מדינה.

וואָרעם נאָר די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע האַרמאָניע פון אַלע זיינע טיילן איז די גאַראַנטיע פאַרן קיום פון דער מדינה און דעם פאָלק.

# דער נעכטן און דער מאָרגן

מיר באַוועגן זיך שטענדיק צווישן נעכטן און מאָרגן. אונדזער הײַנט, דאָס הייסט: אונדזער זײַן מיט אַלע זײַנע מאָמענטן און פאַסירונגען, געפינט זיך שטענדיק אינעם מיטן צווישן אָט די ביידע פּאָלוסן. —

יעדער צאַפּל, וואָס מיר טוען מיטן אויג, יעדער אות, וואָס מיר שרײַבן אָן מיט דער פּעדער, איז אַ פאַרבײַגייענדיקער רגע אָדער אַ צײַט-סכום, וואָס גייט גלײַך איבער אין דער פאַרגאַנגנהייט. און מיר „וואַרטן" באַלד, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, אויף די נײַע רגעס און שעהן פון מאָרגן. — און נישט וויכטיק איז, צי צײַט איז פאַר זיך אַ באַזונדערע דערשיינונג, ד. ה. אַ באַזונדערער יש, צי אינעם הסכם מיט קאַנטן, איז זי נאָר אַ באַגריפלעכע פאָרם, אָדער לויט איינשטיינען, איז צײַט פאַר זיך אַליין גאָרנישט בנמצא, נאָר צײַט און רוים איז איינס, און זי עקזיסטירט נאָר אין אונדזער פאָרשטעלונג, ווי אַ ליניע פון מאָמענטן און פאַסירונגען אינעם רוים. ווײַל ווי אַזוי עס זאָל נישט זײַן, איז צײַט פאַר אונדז, פּונקט ווי רוים, אַ נייטיקער פּסיכאָלאָגישער אמת, אָן וועלכן מיר קאָנען זיך נישט באַגיין, און אָן וועלכן ס'איז אוממעגלעך דאָס פאָרמעלע דענקען. —

***

מיר וואָלטן געקאָנט זאָגן: אַז דאָס לעבן פון יחיד מיט אַלע זײַנע דערוואַרטונגען און האָפענונגען איז אַ כסדרדיקער איבערגאַנג פונעם נעכטן צום מאָרגן.

מיר רוקן זיך אויף דער ליניע פון צײַט, כסדר פאָראויס און נישט צוריק. ס'איז אַזוי ווי איבערן טײַך פון לעבן וואָלט געווען איבערגעוואָרפן אַ בריק, איבער וועלכן דער מענטש באַוועגט זיך אייביק צום צווייטן ברעג, צום מאָרגן. פון דעסטוועגן טראָגט דעם

וואָס ער באַוועגט זיך כסדר צום מאָרגן, און מיט דער דאָזיקער האָפֿענונג פֿון מאָרגן לעבט ער, קען ער זיך אָבער אויך נישט אָפּ־רייסן פֿונעם נעכטן. נערן דעם באַוואוסטזיין פֿון זיין מענטשלעכן איך, אויך די זכרונות און פֿאָרשטעלונגען פֿונעם פֿאַרברענטן נעכטן. און נישט נאָר זיי נערן אים פּסיכיש, נאָר פֿון די דאָזיקע זכרונות שעפּט ער אויך זיין וויסן און דערפֿאַרונג אין פּראַקטישן לעבן. עס איז ווי אַן איינהייטלעכע ליניע וואָלט זיך געצויגן פֿון נעכטן צום מאָרגן. וואָרעם עס ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז יעדע רגע היינט, וואָס ווערט פֿאַרברענט איבערגייענדיק אינעם אש פֿונעם עבר, ווערט גאָרנישט פֿאַרפֿאַלן, נאָר אונטער דעם דאָזיקן אַש באַהאַלט זיך גאָר אַ טליענדיקער פֿונק, וואָס וואַרעמט אים דעם יחיד, זיין נשמה, דורך די איינגעקריצטע אין זכרון זכרונות און דעראינערונגען. און די דאָזיקע דעראינערונגען זענען די פֿאַרבינדונגס־פֿעדעם, וואָס פֿאַרבינדן דעם איך פֿונעם יחיד מיט דער הילף פֿון דעם פֿריער און שפּעטער, צו איין גאַנצקייט, צו איין לעבנס־האַרמאָניע.

און עס קומט אויס: אַז דער היינט, דאָס ווירקלעכע לעבן אַליין, באַקומט זיין לעבנס־קראַפֿט דורך דעם, וואָס עס האַלט זיך אָן ביי די דאָזיקע ביידע פּאָלעס פֿון נעכטן און מאָרגן. —

***

און אויב אַזוי איז ביים יחיד, איז ביים רבים, ביים פֿאָלק, אַוודאי און אַוודאי אַזוי. ווייל דער מאָרגן פֿונעם פֿאָלק איז רעאַלער און זיכערער. דאָס פֿאָלק, ווי אַ פֿאָלק, גייט קיין מאָל נישט אונטער ווי דער יחיד. הגם אויך דער יחיד, קען מען זאָגן, ווערט אויף אַ געוויסן אופֿן נישט פֿאַרפֿאַלן; טראָץ דעם וואָס נישט נאָר פֿיזיש, נאָר אפֿילו ווי אַ באַזונדערער גייסטיקער יש פֿאַרשווינדט ער, גיסט ער זיך אָבער איבער דורכן פּראָצעס פֿון באַפֿרוכטונג אין זיינע קינדער. און פּונקט ווי קיין שום עלעמענט אין דער נאַטור גייט נישט לאַיבוד, נאָר גייט איבער אין אַ צווייטן עלעמענט, אַזוי גייט אויך איבער דער עלעמענט מענטש אין אַ צווייטן עלעמענט: אין זיינע קינדער. פֿאַרט אָבער פֿאַרשווינדט דער מענטש אין גאַנצן ווי אַ באַזונדערע אינדיווידואַליטעט. אָבער דאָס פֿאָלק ווי אַ

נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט בלייבט אייביק לעבן אין פשוטן פיזיש־גייסטיקן זין פונעם וואָרט. דאָס פאָלק רינגט זיך אומ־ענדלעך אַריין אין דער אייביקער קייט פון לעבן. אַזוי, אַז אויב די ראָזע פאַרבן פון זיין נאָענטן נאַציאָנאַלן מאָרגן פאַרשווינדן, זיי ברענגען אים נישט די דערוואַרטע האָפענונגען, מוז דאָס פאָלק נאָך נישט אַריינפאַלן אין קיין יאוש, נאָר עס לייגט אָפּ זיינע האָפענונגען און וואונטשן אויף אַ צווייטן מאָרגן. און אויב אויך דער צווייטער מאָרגן פאַרפירט, ער גיט נישט דעם געהאָפטן רעזולטאַט, טרוימט מען אויס אַן אומבאַשטימטן טערמין, אַ „והיה באחרית־הימים"־מאָרגן, וואָס קאָן גאָר קיין מאָל נישט אָפּגעלייקנט ווערן...

ווייל דאָס פאָלק איז דאָך נישט ווי דער יחיד, וואָס האָט אַ באַגרענעצטע צייט פון וואַרטן. שפּילט דעריבער ביים פאָלק דער עלעמענט פון זיין מאָרגן, פון זיין צוקונפט, נאָך אַ גרעסערע ראָלע ווי ביים יחיד. אָבער אויך אַ פאָלק שפּרינגט נישט פּלוצעם אַרויס ווי אַ ניי־געבוירן קינד און טאַנצט גלייך אַריין אין זיין צוקונפט אַריין, אָן אַ פאַרבינדונג מיט זיין נעכטן. אויך ביי אַ פאָלק איז זיין צוקונפט געבונדן מיט זיין פאַרגאַנגנהייט. אויך דאָס פאָלק שעפּט זיין וויסן און דערפאַרונג פון זיין נאַציאָנאַלן נעכטן, און אויך דעם פאָלק וואַרעמט און כּישופט די זכרונות און דעראינערונגען פון זיין עבר, וואָס גיט טרייסט און מוט איבערצוקומען די שווערע צייטן און ווייטער צו שלעפּן דעם נאַציאָנאַלן וואָגן מיט אַלע זיינע שווע־ריקייטן.

***

אַן אַלטע געשיכטע האָט דאָס יידישע פאָלק. אונדזער געשיכ־טע איז אין איר כאַראַקטער מער אַ גייסטיקע ווי אַ פּאָליטיש־מאַ־טעריעלע, זי איז אַ גייסטיק־אידעאָלאָגישע. הגם אויך מיט אַ פּאָ־ליטיש־מאַטעריעלן אינהאַלט איז געווען אויסגעפילט אונדזער עבר, איז אויך יענע צייט געווען אַדורכגעמישט מיט גייסטיק־אידעאָלאָ־גישע עלעמענטן, האָט אויך דעמאָלט געווירט, האָבן אויך דעמאָלט געשטורעמט און אויפגערודערט דאָס נאַציאָנאַל־יידישע געמיט, די נביאישע קאַמפן פאַרן גייסטיק־מאָראַלישן אינהאַלט פון דער אומה,

האָבן דאָך משהם געזעצן באַלד לכתחילה זיך אויסגעווירקט ווי דער אידעאָלאָגישער אָנהאַלט פאַרן ווייטערדיקן לעבנס־וועג פונעם פאָלק.

האָט טאַקע דער דאָזיקער גייסטיקער עלעמענט פון נעכטן, אין זיין פאַרבינדונג מיטן געהאָפטן מאָרגן, דאָצו אויפגעשטורעמט און געוועקט דורכן שוידערלעכן נאַצי־רעזולטאַט, — געבוירן די היינטיקע פּאָליטיש־מאַטעריעלע באַזע פון ישראל.

און מיט דעם דאָזיקן גייסטיקן נעכטן האָבן מיר געלעבט. אונד־זער נאַציאָנאַלער „איך" האָט געצויגן זיין יניקה פונעם דאָזיקן קוואַל פון נעכטן, פונקט ווי ער האָט געצויגן זיין יניקה פון דער משיחישער האָפענונג אויף לעתיד — הגם אַן אַבסטראַקטע, וואָס איז געוואָרן גענערט פון אַ פאַנטאַסטישן עתיד־לבואדיקן מיראַזש, פון בוימלדיקע טייכן אונטער די פיס, — איז דווקא היינט, ווען דער נאַציאָנאַלער מאָרגן, דער עתיד פונעם פאָלק, איז שוין אָנגעשפּאַרט אויף דער רעאַלער באַזע פון דער ישראל־מדינה, ווען מען זעט אַרויס דעם וויטאַלן כוח פון נאַציאָנאַלן איך, די פרוכט פון דער אַרבעט פון נאַציאָנאַלן אינסטינקט אויפצוהאַלטן די אומה, אַ דאַנק די חיונה־זאַפטן, וואָס ער האָט געצויגן פונעם פאָלקס־עבר, קומען צו גיין „יידן" און ווילן איבעררייסן מיטן דאָזיקן עבר. זיי ווילן זיך פּראָקלאַמירן פאַר אַ נייער אומה, ווי מען פּראָקלאַמירט דעם נאָמען פון אַ ניי־געבוירן קינד, שטיצנדיק זיך בלויז אויפן טונ־קעלן עתיד. זיי באַגרייפן נישט, אַז קיין מאָרגן אָן אַ נעכטן איז גאָרנישט בנמצא; אַז דער נאַציאָנאַלער מאָרגן רינט אַרויס פון זיין נעכטן, ווי דאָס וואַסער אין טייך רינט אַרויס פון זיין קוואַל. און אַז אונדזער געוואַלדיקע עקשנות, וואָס מיר האָבן אַרויסגעוויזן און ווייזן אַרויס פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן זיין, איז עס נאָר אַ דאַנק דעם כוח און דעם „קערן" פון נעכטן.

# מיטל און צוועק

נישט איין מאָל טרעפט אין לעבן, אַז מענטשן פאַרבייטן די מיטלען אויפן צוועק, די פאָרם אויפן אינהאַלט. עס טרעפט אפילו, ווען די, וואָס פאַרבייטן די „יוצרות״, ווייסן גאַנץ גוט דעם באַטייט פונעם צוועק, פאַר וועמען די מיטלען זענען באַשטימט. און דאָך טוען זיי דאָס צוליב דער גלייכצייטיקער טעטיקייט פון אַ טייל מיטלען צוזאַמען מיטן צוועק, אין דער נישט קלאָר־אָפּגעטיילטער ליניע צווישן זיי. זיי אידענטיפיצירן דעריבער זיי ביידע ווי איין און די זעלבע דערשיינונג. —

עס טרעפט אָבער אויך, אַז די, וואָס פאַרבייטן דעם טפל אויפן עיקר, מאַכן דאָס אין גאַנצן אומבאַוואוסטזיניק. זיי איז שווער זיך פונאַנדערצוקלייבן אין די אונטערשיד־פּראָבלעמען צווישן דעם טפל און דעם עיקר. בפרט ווען געוויסע קרייזן זענען פאַראינטערעסירט אינעם פאַרטושן די דאָזיקע פּראָבלעמען, כדי דורך דעם אָפּצושוואַכן דעם עיקר־ציל, וועמען זיי האַלטן גאָרנישט פאַר קיין הייליקייט — טראָץ דעם וואָס זיי קלאַמערן זיך כלומרשט אין אים, צוליב זייערע דערווייליקע אינטערעסן. —

***

יעדעס פאָלק האָט אויסער זיינע נאַציאָנאַלע עיקרים און זיין הויפּט־צוועק, אַ ריי מיטלען, וואָס זענען נייטיק פאַר דער דערגריי־כונג און דערהאַלטונג פון די דאָזיקע עיקרים און פאַרן דאָזיקן הויפּט־צוועק. און דורך דער הייליקייט פון די עיקרים באַקומען אויך די מיטלען, וואָס דינען זיי, אַ טייל פון דער קדושה פון די עי־קרים — רוט אויך אויף זיי, צוליב דער נוצלעכער פונקציע, וואָס זיי פירן אויס לטובת דעם צוועק, די שכינה פון הייליקן צוועק. אָ־בער פאָרט זענען די מיטלען נישט מער ווי מיטלען.

די אינסטרומענטן, וואָס ווערן באַנוצט צו אַ באַשטימטן צוועק, האָבן נאָר אַזוי לאַנג אַ ווערט, ווי לאַנג זיי פירן אויס זייערע פונקציעס. אָן דעם, פאַר זיך אַליין, האָבן די אינסטרומענטן, די כּלים, קיין שום ווערט נישט.

און כּדי צו קענען דעם אינסטרומענט, וואָס דינט דעם הויפּט־צוועק, דאַרפן מיר זיך קודם־כּל באַקענען מיטן הויפּט־עיקר אַליין, וואָס רופט אַרויס אונדזער אינטערעס. און דאָס איז דאָס פאָלק.

***

דאָס פאָלק, ווי אַ יידיש־נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו, איז אַ הויפּט־עיקר און צוועק. דאָס פאָלק איז ווי יעדער לעבעדיקער יחיד אַ ציל פאַר זיך אַליין. אַ ציל פאַר זיך מיינט: אַז אינעם עצם פון זיין אייגענער עקזיסטענץ, ווי אַ פיזיש־ביאָלאָגישן און צו קיום שטרעבנדיקן נאַציאָנאַלן מאַסיוו, ליגט זיין הויפּט־צוועק און זין. אינעם אייביקן לעבן ווי אַ יידיש פאָלק ליגט זיין אינהאַלט און תּכלית. — כּדי אָבער אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן תּכלית, באַנוצט זיך דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט, וואָס איז אַליין אַ טייל פונעם פאָלק — פלייש פון זיין פלייש און ביין פון זיין ביין — מיט צו דעם דאָזיקן צוועק פאַרשידענע מיטלען און פאָרמען. איינער פון זיינע הויפּט־שליחים, דורך וועמען ער פירט אַדורך זיין שליחות, איז דער גייסט, דער יידיש־נאַציאָנאַלער גייסט. דער נאַציאָנאַלער גייסט איז דער באַפולמעכטיקטער און אָרגאַניזאַטאָר פונעם גאַנצן גייסטיקן לעבן פון דער אומה. דער גייסט ווידער באַדינט זיך צו דעם דאָזיקן צוועק מיט זיינע אייגענע צוגעפּאַסטע מיטלען און פאָרמען — און דאָס זענען די קולטור־גיפּעסן. די קולטור־גיפּעסן זענען ווי די קאַנאַלן, דורך וועלכע עס דאַרף אַדורכפליסן די נאַציאָנאַלע פליסיקייט אויף צו דערנערן און אונטערהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן גייסט פונעם פאָלק. און ווי די אמתע בלוט־גיפּעסן, וועמענס צוועק איז פונאַנדערצופירן דאָס בלוט איבערן גאַנצן מענטשלעכן אָרגאַניזם, אַזוי איז אויך דער צוועק פון די דאָזיקע קולטור־גיפּעסן: פונאַנדערצופירן דאָס גייסטיקע בלוט איבערן גאַנצן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם פונעם פאָלק.

***

איינע פון די הויפּט־פאָרמען פון נאַציאָנאַלן גייסט, זיין שטאַרקסטער קולטור־אויסדרוק, דורך וועלכן עס דאַרף קומען צום אויסדרוק אַל דאָס נאַציאָנאַל־שעפּערישע, אַלץ וואָס איז אַנטשטאַנען און אויפגעקומען פון בראשית פון דער נאַציע, איז די שפּראַך.

די שפּראַך איז, נאָכן דענקען דער צווייט־וויכטיקסטער אינסטרומענט פונעם מענטשלעכן גייסט בכלל. זי שטעלט צוזאַמען די ווערטער־רינגעלעך אין איין קייט־גאַנצקייט, און מיט דער הילף פון געדאַנקען־אויסדרוק און וואָרט־באַגריף העלפט זי מיט דעם פּראָצעס פון דענקען און אים צו אָרדענען אויף אַ געהעריקן אופן. אַזוי אַרום ווערט די שפּראַך פון אַ פאָלק איינער פון די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע אינסטרומענטן. דאָס גערעדטע און געשריבענע וואָרט העלפט דעם פאָלק זיך צו פאַרבינדן אינעם גייסט, — מיט זיינע וויטסטע דורות, דורך די איבערגעבונגען, מעשות און פאָלקס־לעגענדעס באַקענט זי אונדז מיט די אינטימסטע ווינקעלעך פונעם יידישן גייסט, מיט דער שיינקייט און עטישער רייכקייט פון נאַציאָנאַלן כוח־הדמיון. דאָס וואָרט פירט אונדז איבער אַלע צייט־פאַרצוימונגען צו דער וויטסטער פּרעהיסטאָריע פונעם פאָלק. די שפּראַך פאַרקניפּט און פאַרבינדט אונדז, ווי מיט כישוף־שטריק, מיט אַלע יידישע דורות, איבערן גאַנצן געשיכטלעכן לויף. זי פאַרבינדט אונדז נישט נאָר מיט די פאַרגאַנגענע און קעגנוואַרטיקע צייטן, נאָר מיט דער הילף פון דער נאַציאָנאַלער וויזיע אויך מיט די צוקונפטיקע. זי היט אָפּ דעם פאָלקס־זכרון און דורך דער ליטעראַטור פאַרעמט זי ווייטער און געשטאַלטיקט דאָס פאָלק, אינעם הסכּם מיט זיינע דערהויבנסטע מאָראַלישע ווערטן און פירט דאָס צו אַ נאַציאָנאַלן קאָנסטרוקטיוויזם, אויף דער באַזע פון איינקייט פון פאָלק און גייסט, און דעם גיכסטן אויפבוי פון זיין לאַנד. אויף אַזאַ אופן ווערט די שפּראַך, הגם אַליין נישט מער ווי אַ מיטל, ווי אַ כּלי, אָנגעפילט מיט אַ נאַציאָנאַלן אינהאַלט. דעם דאָזיקן אינהאַלט באַקומט זי פון אים אַליין: פונעם נאַציאָנאַלן גייסט. און נאָר דורכן אַרויסברענגען דעם נאַציאָנאַל־גייסטיקן תּוכן פון דער אומה באַ־

קומט זי ערשט איר ווערט — איר ווערט ווי אַן אינסטרומענט, צו דינען דעם הויפּט־צוועק פון דער אומה, איר אייביקן קיום. אַנדערש בלייבן די ווערטער פון דער שפּראַך און אירע געשריבענע אותיות נישט מער ווי אויסגעליידיקטע שאָלעכצן. זיי וועלן נישט בילדן קיין פעסטע קייט אַזוי לאַנג, ווי עס וועט זיי נישט צעמענטירן דער נאַציאָנאַל־גייסטיקער צעמענט. וואָרעם שפּראַך פאַר זיך אַליין, ווי אַ בלויזע פאָרם, ווי אַן אויסגעהוילטע שאָל, איז נישט קיין הייליקייט, און דינט נישט, אין נאַציאָנאַלן זין, אפילו ווי אַ מיטל צום צוועק. און דאָס דאָזיקע איז חל נישט נאָר אויף דער יידישער שפּראַך, אויף וועלכער ס'איז פאַראַן אַ פאַרצווייגטע ליטעראַטור און אויף וועלכער אַ גרויסער טייל פון פאָלק רעדט, נאָר אויך אפילו אויף דער שפּראַך פון נאַציאָנאַלן בראשית, אויף דער שפּראַך פון „אנכי", „עשרת הדברות" און די נביאים.

# דער נאַציאָנאַלער ווערט פון דער יידישער ליטעראַטור

רעדנדיק וועגן דער יידישער ליטעראַטור, מיין איך נישט ווי ס'איז אָנגענומען בלויז די בעלעטריסטישע, די ליטעראַטור פון ראָמאַנען, דערציילונגען און פּאָעזיע, די אַזוי־גערופענע שיינע ליטעראַטור — נאָר איך מיין אין ברייטסטן זין פון וואָרט, דאָס גאַנצע יידישע שריפטום.

סיי די בעלעטריסטישע, סיי די ליטעראַטור פונעם יידישן געדאַנק און וויסן. בקיצור : אַלץ, וואָס דער יידישער מוח, דאָס יידישע געפיל און פאָרשטעלונג האָט אַרויסגעבראַכט. אָבער נאָר די ליטעראַטור, וואָס איז געשריבן אין יידיש, אָדער העברעאיש. ווייל יידישן אינהאַלט, דעם עכט־יידישן געדאַנק, איז באַלד שווער איבערצוגעבן אין אַן אַנדערער נישט־יידישער שפּראַך, — בפרט אים איבערצוזעצן. ביי דער בעסטער איבערזעצונג, פאַרלירן די איבערגעזעצטע ווערטער און אויסדרוקן, זייער אינטימען כישוף, זייער ספּעציפיש־נאַציאָנאַלן קנייטש און חן. אויך ווערטער, וואָלט איך געזאָגט : האָבן זייער אויסערלעכע און אינערלעכע נשמהדיקע זייט. — און נאָר דאָס אויסערלעכע פון זיי, די בלויזע ווערטער־שאָלעכצן לאָזן זיך איבערטראָגן פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער, און נישט זייער נשמהדיקער תוך. — דעם אמתן טעם פונעם אויסדרוק אָדער באַגריף, באַקומט מען נאָר אין דער אייגענער שפּראַך אויף וועלכע מען רעדט, און מען פאַרשטייט גוט. וואָרעם די ווערטער־אויסדרוקן אין דער אייגענער שפּראַך, גיבן איבער נישט נאָר די געדאַנקען, נאָר אויך דאָס נישט דערזאָגטע פון אָט די געדאַנקען, און זייער פאַרבאָרגענע אַטמאָספערע. און די דאָזיקע אַטמאָספערע,

פאַרגאַנצט די געדאַנקען און בילדער, צוהעלפנדיק זיי אויסצוקלאָרן און בעסער באַנעמען. —

אויסער דעם, האָט יעדע ליטעראַטור פאַר זיך, אויך איר באַזונדערן שפּראַכלעכן ווערט. דער דאָזיקער ווערט באַשטייט אין דעם: וואָס די פאָלקס, אָדער נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, העלפט אויך אין איין צייט מיט צו באַרייכערן און אַנטוויקלען די גערעדטע שפּראַך פונעם פאָלק. ווייל צוזאַמען מיטן אַרויסברענגען און אויסקלאָרן אירע געדאַנקען און בילדער, שלייפט זי און פאַרשענערט די שפּראַך, און ברענגט אַרויס נייע ווערטער־ניואַנסן. יעדנפאַלס, פאַרהיט זי די שפּראַך, פון פאַרגליווערט און פאַרשטויבט צו ווערן, דורכן שטויב פון דער צייט. און דאָס בלויזע פלעגן און אָפּהיטן דעם שפּראַכלעכן אינסטרומענט, האָט שוין אויך זיין נאַציאָנאַלן ווערט. זיין ווערט, ווי אַ פאַרבינדנדיקער רינג פאַר דער פאָלקס־איינהייט. —

***

און אויב דאָס איז אַזוי פאַר דער גאַנצער ליטעראַטור, איז דאָס פאַר דער שיינער ליטעראַטור, דער קינסטלערישער, אוודאי און אוודאי אַזוי. — וואָרעם דער עיקר־מהות פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור, ווי בכלל פון קונסט, באַשטייט אין דעם: וואָס דער לייענער דאַרף ווערן אָנגעשטעקט מיט דער גאַנצער גאַמע פון געפילן, שטימונגען און מחשבות'ן פונעם קינסטלער. ער, דער לייענער, ווערט אַ גלייכער שותף צום דיכטער אָדער דערציילער. ער פרייט זיך מיט דער פרייד פון זיינע העלדן, און איז זיך מצער מיט זייער צער. און נאָר דאָס אייגנטלעך, איז דער קלאָרסטער באַווייז פאַרן קינסטלערישן ווערט פונעם שרייבערס ווערק. ווייל אויף וויפיל עס געלינגט דעם קינסטלער, איבערצוגיסן די געמאָלטע בילדער, געפילן און שטימונגען אינעם האַרץ און אין מוח פונעם לייענער, אויף אַזוי פיל איז דאָס ווערק געלונגען. און איבערגיסן זיי אינעם לייענערס האַרץ, קאָן ער נאָר דעמאָלט, ווען זיי זענען געשריבן אין דער שפּראַך, וואָס איז אינטים, סיי דעם שרייבער, און סיי דעם לייענער. וואָרעם נאָר, „דברים היוצאים מן הלב, נכנסים אל הלב".

און די אויפגאַבע פון דער עכטער ליטעראַטור און קונסט, איז

נישט נאָר אָפּצושפּיגלען דאָס לעבן אַזוי ווי ס'איז, וואָס דאָס וואָלט געהייסן נייטראַליזירן — דעם קינסטלער, מאַכן פון אים אַ בלויזן פאָטאָגראַפיסט, אַ זייטיקן אָבסערווירער פונעם דאָזיקן לעבן. נאָר די אויפגאַבע באַשטייט אויך אַריינצומישן זיך אינעם דאָזיקן לעבן. דער קינסטלער לעבט איבער און פילט אַדורך דעם קינסטלערישן שטאָף, דורך זיין אייגענעם וועזן. דאָס וואָס ער באַקומט פונעם שפּיגל פון לעבן, גייט אַדורך דורך זיין פּריזמע. און אַדורכגייענדיק דורך זיין אייגענער פּריזמע, ווערט עס שוין דורך זיין אייגענעם רעפלעקטאָר באַלויכטן. אַזוי־אַרום גיט דער קינסטלער צו פון זיין זייט, אַ „נופח משלו", — צוריק ווירקנדיק אויפן דאָזיקן לעבן. דאָס איז די צווייטע זייט פונעם קינסטלערס מטבע. צוריקצווירקן אויף דעם לעבן, וואָס ער האָט קינסטלעריש אויפגענומען, אַ דאַנק זיין טאַלאַנט איינצוזאַפּן אין זיך ווי אַ שוואָם יעדעס לעבעדיקע געפיל און שטימונג.

נמצא: אַז אין צוויי גרונד־אייגנשאַפטן באַשטייט די אויפגאַבע פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור: אינעם איבערלעבן דאָס לעבן דורכן קינסטלער, ד. ה. אינעם עכטן אויפנעמען פון די לעבנס־דערשיינונגען מיט אַלע זייערע פאַרבן און ניואַנסן, אַריינגערעכנט אויך אַלע ניואַנסן און שפּראַך־קנייטשן פון די געשילדערטע טיפּן, און אין צוריקגעבן דאָס פאַרן לייענער, שוין אַדורכגעאַרבעט דורך זיין אייגענער לאַבאָראַטאָריע מיט אַ צומיש־ליכט וואָס דאָס דאָזיקע ווערק איז געוואָרן דורך אים אַליין באַלויכטן. —

איז אָט די דאָזיקע ביידע אייגנשאַפטן, קאָנען זיך רעאַליזירן, נאָר אין דער שפּראַך פונעם פאָלק. ווייל נאָר אויף איר קאָן אַרויסגעבראַכט ווערן אַלע קנייטשן און ניואַנסן; אַלע טענער און אונטער־טענער, און די דינסטע נשמה־וויברירונגען פונעם פאָלק. און דאָס איז נוגע אונדזערע ביידע שפּראַכן. סיי די נאַציאָנאַל־העברעאישע, סיי די יידישע פאָלקס־שפּראַך.

***

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ, ווען מען האָט אין זין די ספּעציעלע נאַציאָנאַלע באַדייטונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

כדי די יידישע ליטעראַטור אין אַלע אירע פאָרמען, זאָל ווערן אַ נאַציאָנאַל־ווירקנדיקער פאַקטאָר, מוז דער יידישער קינסטלער נישט נאָר סתם צוריקווירקן אויפן לעבן, פון וועמען ער איז אַליין קינסטלעריש געוואָרן באַווירקט, נאָר ער דאַרף איר אויך באַווירקן אין אַ געהעריקער נאַציאָנאַלער ריכטונג. אין אַ נאַציאָנאַלער ריכ־טונג, נישט אין ענגהאַרציקן זין, — נאָר אין איידלסטן, מענטש־לעכן. אין דער ריכטונג פון די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און האָ־פענונגען פון זיין פאָלק, ווי אויך פון זיין נאַציאָנאַל־שטייגערישן באַנעם. די יידישע ליטעראַטור, האָט מער ווי די אויפגאַבן וואָס יעדע אַנדערע ליטעראַטור האָט. איר אויפגאַבע, איז אַ ספּעציפיש־יידישע, אַ גאַנץ באַזונדערע, וואָס פליסט אַרויס פונעם ספּעציעלן כאַראַקטער פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

בכן, די יידישע ליטעראַטור דאַרף ווירקן און מוטיקן צו אַ שע־פעריש יידיש לעבן. צו אַ נאַציאָנאַלן קאָנסטרוקטיוויזם, איבערן גאַנצן שטח פונעם דאָזיקן לעבן. זי דאַרף באַווירדיקן און באַזיניקן דאָס אויפוואַכנדיקע לעבן אין ישראל, מאַכנדיק עס פאַר אַ נאַציאָ־נאַל אייגנס פון יעדן ייד. זי דאַרף געבן קראַפט און שוואונג דעם יידישן מענטש, אויסצוהאַלטן אַלע שטורמען פון דער צייט די קינסטלערישע יידישע ליטעראַטור, דורך איר וואַרעמען שילדערן די יידישע מיליע, דורכן אַרויסהייבן נאַציאָנאַל־קערנדיקע שעפערי־שע טיפן און געשטאַלטן, דורכן מאָלן אַ נאַציאָנאַל־פאַרגאַנצטע יידי־שע אַטמאָספערע, און אַנטפּלעקן דאָס תוכיק־יידישע פונעם לעבן, מיט אַלע זיינע עטיש־עסטעטישע שיינקייטן, הייבט זי אויף און באַפליגלט דעם יידישן לייענער. מיטן אַרויסברענגען דורך אירע העלדן, די פערל פון יידישן געדאַנק און פאָרשטעלונג, באַקרעפ־טיקט זי ביי אים דאָס נאַציאָנאַלע פול־ווערטיקייט געפיל, און רעגט אים אָן צום יידישן פאָרשן און וויסן. דורכן אַרויסברענגען אַל דאָס דערהויבענע פונעם נאַציאָנאַלן לעבן, פאַרהאַרטעוועט זי אים, און גיט אים אַ זין אין זיינע ליידן. די היסטאָרישע ליטעראַטור פון איר זייט, דאַרף אַרויסטויכן אַלדאָס העראָאישע פונעם ים פון דער יידי־שער געשיכטע. זי דאַרף דעם ייד דערציען צו אַ לייבן־דרייסטקייט,

צו אַ גבורה־שבגבורה איבערצוּווינדן אַלע שטרויכלונגען און שווע־ריקייטן, וואָס שטייען פאַר אים אויף זיין ווייטערדיקן וועג.

***

די יידישע ליטעראַטור דאַרף אָבער איינצייטיק אויך, פאַר־שטאַרקן די יידישע חשיבות און אָנזען, סיי ביי זיך, סיי ביי דער וועלט. זי דאַרף שטייגערן דעם יידישן גייסט און ווערן אַ קרעפטי־קער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר אינעם לעבן פון פאָלק. זי וואַרפט אָפּ יעדן פרעמדן פסולת, ווי אויך יעדן שונד סיי עראָטישן, סיי דעם אַ־וואַנטוריסטישן, און האַלטנדיק זיך אינעם כלל פון דער יידישער עטיק, אונטער וועמען אויך די עסטעטיק דאַרף אונטערגעוואָרפן ווערן, דורך איר געמילדערט ווערן, באַנט זי זיך אוים איר אייגענעם וועג אין דער משפחה פון די פעלקער־ליטעראַטורן, מיטהעלפנדיק צו דער פריינדשאַפט פון די פעלקער, און צו זייער פאַרברודערונג.

# קלאַס און פאָלק

קלאַס אין זיין איינפאַכן באַדייט, מיינט: אַ צעטיילונג פון עפעס. דער אויסדרוק ווערט אויך באַנוצט ווי אַ סינאָנים פון אַ געוויסער גייסטיקער קוואַליפיקאַציע.

***

אין דער דאָזיקער באַהאַנדלונג פון קלאַס און פאָלק אָבער מיינען מיר קלאַס ווי אַ פאָליטיש־סאָציאַלן באַגריף. מיר מיינען דעם מאַרקסיסטישן באַגריף, וואָס באַצייכנט אונטער דעם דאָזיקן באַגריף אַ געוויסן טייל פון דער געזעלשאַפט לויט זיין פראָפעסיאָנעלער אָדער עקאָנאָמישער איינטיילונג, ווי למשל: קאַפּיטאַליסטן אָדער אַרבעטער־קלאַס. קלאַס, ווי אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישער באַגריף, ווי אַ טייל פונעם פאָלק, וואָס געהער צו די אַרבעטנדיקע אָדער צו די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, מיט זיין פאָרם פון עקאָנאָמישער טעטיקייט, איז פליסיק און אונטערליגט אָפטע ענדערונגען. ווייל ער באַצייכנט נאָר די פראָפעסיאָנעלע זייט פון די מענטשן פונעם דאָזיקן קלאַס און די באַשטימטע פראָפעסיאָנעלע טעטיקייט פון אַ מענטש, בפרט פון אַ ייד, איז נישט קיין פערמאַנענטע. ספּעציעל די יידישע עקאָנאָמישע טעטיקייט, ווי די יידישע פראָלעטאַרישע אַרבעט, האַלט נישט אויס אפילו קיין האַלבן דור. און דאָס דאָזיקע באַשטעטיקט אונדז די דערפאַרונג פון די לענדער פון דער יידישער אימיגראַציע. ווייל צוליב די ספּעציפישע באַדינגונגען פונעם יידישן לעבן, וואָס רופן אַרויס דאָס כסדרדיקע וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, איז דער ייד אין שטענדיקן סטאַדיום פון איבערשיכטן זיך. און צוליב דעם, וואָס דער אויסוואַל פון זיין פראָפעסיע איז נישט קיין צוגעפּאַסטער, נאָר אַן אויפגעצוואונגענע לויט די אומשטענדן, וואַרפט ער גלייך אַוועק זיין נייע פראָפעסיע, ביי די ערשטע בעסערע באַ־

דינגונגען. אַזוי אַרום בייט דער ייד אין פאַרלויף פון זיין לעבן זיין פּראָפעסיע פיל מאָל. און בייטנדיק זיין פּראָפעסיע, בייט ער אויך זיין קלאַס, און מיט אים צוזאַמען זיין קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע. —

**
*

איז קלאַס דעריבער נישט קיין ה י י ל י ק ײ ט פאַר זיך. הייליק, איז נאָר דאָס לעבן, און אין דעם דאָס מענטשלעכע לעבן. דער קלאַסן־באַוואוסטזיין, ווי דער אויסדרוק פון אַ באַשטימטער עקאָנאָמישער טעטיקייט טראָגט נאָר אַ צייטווייליקן כאַראַקטער. ער איז פּסיכיש, בלויז ווי אַן איבערפלעכלעכער אויסדרוק פונעם דאָזיקן עקאָנאָמישן שיכט. — די פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט פונעם קלאַס איז נישט געקניפּט און געבונדן מיט דעם אינעווייניקסטן איך פונעם מענטש. די קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע פונעם אַרבעטס־מענטש בייט זיך און איז פונקט אַזוי פליסיק, ווי עס בייט זיך זיין פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט. מיטן איבעררייסן פון זיין פּראָפעסיע פאַרשווינדט אין גאַנצן ביי אים זיין פריערדיקע פּראָפעסיאָנעלע פּסיכאָלאָגיע און נעמט אָן די פּסיכאָלאָגיע פון זיין נייער באַשעפטיקונג, מיט וועל־כער ער פאַרנעמט זיך שוין אַצינד. בפרט פאַרשווינדט אין גאַנצן זיין קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע מיטן מאָמענט, ווען ער רייסט בכלל איבער מיט יעדער אַרבעטס־טעטיקייט. און דאָס וואָס איז נישט אייביק, וואָס איז נישט קיין אינערלעכער אויסדרוק געבונדן מיטן עצם כאַ־ראַקטער און וועזן פונעם מענטש, איז נישט און טאָר נישט זיין קיין פעטיש — בפרט, דורך דעם צו שטערן די העכערע הייליקייט וואָס דאָס איז דאָס פאָלק ד. ה.: די גאַנצקייט און האַרמאָניע פונעם יידישן פאָלק.

**
*

פאָלק, דאַקעגן, איז אַ העכערע מדרגה — פאָלק איז אייביק. דער איך פונעם יחיד איז געקניפּט און געבונדן מיט זיין נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין. דער נאַציאָנאַלער איך איז נישט פליסיק ווי דער קלאַס. ער בייט נישט זיין אינעווייניקסט געשטאַלט. ער קען העכסטנס, אין צייטן פון סכנות בייטן אין הסכם מיטן נאַציאָנאַלן אינסטינקט

זיינע צופּאַסונג־פאָרמען, זיך צופּאַסן צו די אויפגעצוואונגענע באַדינגונגען. קיין מאָל אָבער הערט דאָס פאָלק נישט אויף צו זיין דאָס, וואָס עס איז. ווייל מיטן בייטן פון נאַציאָנאַלן וועזן הערט דאָס פאָלק בכלל אויף צו עקזיסטירן. און ווי דאָס פאָלק איז אייביק, אַזוי איז אויך זיין נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע אייביק. דער ייד קאָן נישט בייטן זיין נאַציאָנאַלע פּסיכיק, ווי ער קאָן נישט בייטן זיין אייגענע הויט. די נאַציאָנאַלע פעדעם ציען זיך נאָך פון בראשית פון דער נאַציע. און די פאָלקס־פּסיכיק גייט איבער פון דור צו דור.

***

פאָלק — מיינט: אַלע זיינע טיילן; אַלע יחידים וואָס שטאַמען אָפּ פון דעם געגעבענעם פאָלק און טיילן זיין גורל. פאָלק איז קודם־כל אָפּשטאַמונג, און איז דעריבער מקורדיק. — קלאַס איז נאָר איין טייל און איז נישט מקורדיק. פאָלק איז דאָס פאַראייניקנדיקע, אַרומנעמענדיקע; קלאַס — דאָס אָפּטיילנדיקע, סעפּאַרירנדיקע. פאָלק זוכט קודם־כל די ענגע פאַרבינדונג מיט זיך אַליין; קלאַס — אויך מיטן פרעמדן. פאָלק זוכט די בשותפותדיקע געמיינזאַמע באַדערפענישן. דאָס פאָלק, קאָן נישט זיין אין סתירה צו די אייגענע אינטערעסן. קלאַס קאָן יאָ זיין אין סתירה צו די נאַציאָנאַלע אינטערעסן. פאָלק מוז האָבן די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע האַרמאָניע פון דעם גאַנצן; קלאַס — נאָר פון זיין טייל, אַ מאָל אין ווידערשפּרוך צום גאַנצן. דאָס פאָלק מוז זיך נישט סאָלידאַריזירן מיט זיין נאַציאָנאַלן שונא, דער קלאַס, צוליב זיין אינטערנאַציאָנאַלער פאַרבינדונג מיט ענלעכע קלאַסן, סאָלידאַריזירט זיך אַזוי אַרום אַ מאָל אויך מיטן בלוטיקסטן נאַציאָנאַלן פיינט.

***

אָבער פאָלק איז אויך אַ סאָציאַל־עטישער באַגריף. אויך פאָלק וויל זיך פאַרברודערן, אָבער פאַרברודערן ווי גלייכע מיט גלייכע — ווי אַ פאָלק מיט פעלקער, מיט דער גאַנצער מענטשהייט. און נאַציאָנאַלע פאַרברידערונג איז טיפער. זי איז געבויט אויף אַן עטיש־גייסטיקן יסוד. און פאָלק, מיינט: נאַציאָנאַלע איינהייט. און נאַציאָ־

נאַלע איינהייט קאָן נישט עקזיסטירן אָן דער סאָציאַלער האַרמאָניע פון אַלע זיינע טיילן. און די גערעכטע זאַך פונעם אַרבעטנדיקן מענטש, ווי פון יעדן ייד, איז די גערעכטע זאַך פונעם גאַנצן יידישן פאָלק.

# אחד-העם און דער גייסטיקער ציוניזם

## (קורצע ביאָגראַפישע שטריכן)

אשר בן־ישעיה גינזבורג איז געבוירן געוואָרן י״ז אב תרס״ז אין דעם שטעטל סקווירע, קיעווער גובערניע. זיין פאָטער איז גע־ווען אַ טראַדיציאָנעלער פאַרמעגלעכער ייד, זיין זיידע — אַ שאַר־פער חסיד. צו דריי יאָר גייט שוין אשר אין חדר. צו צען יאָר לערנט ער ש״ס און פוסקים און ווערט פאַררעכנט פאַר אַן עילוי.

אשרס לעבן אַלס קינד און יינגל איז ווי ביי אַלע יידישע קינ־דער, וואָס זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן ביי פרום־טראַדי־ציאָנעלע עלטערן, אַדורך שטרענג רעגלעמענטירט. שוין אין דער פריער יוגנט וואַרפט זיך אשר גינזבורג אַריין מיט זיין גאַנצן יוגנט־לעכן ברען אין דעם שטודיום פון מאַטעמאַטיק. עס דינט אים אַלס לערן־ביכל דער ספר „מלאכת מחשבת״. ער איז געווען אַזוי אַריינ־געטאָן און פאַרקאָכט אין דעם דאָזיקן שטודיום, אַז קומענדיק פון חדר, פלעגט ער פאַרשרייבן אַלע ווענט און טירן מיט געאָמעטרישע פאָרמולעס און צייכענונגען. דאָס דאָזיקע ערנסטע לערנען און פאַר־שען מאַטעמאַטיק דורכן יונגן אשר האָט באַאיינפלוסט דעם גאַנצן געדאַנקען־גאַנג פון שפּעטערדיקן אחד־העם. דאָס קומט צום אויס־דרוק אין זיין לערע וועגן גייסטיקן ציוניזם דורכן באַנוצן זיך מיט געאָמעטרישע פיגורן און דורך דער גראַד־ליניעקייט פון זיין לאָ־גישן דענקען.

צו צוועלף יאָר לערנט ער שוין העברעאיש, דקדוק און די לי־טעראַטור פון די יידישע מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפן. אַלט ווערנ־דיק זיבצן יאָר, לערנט ער מיט אַ געוואַלדיקער התמדה פרעמדע שפּראַכן און אַלגעמיינע וויסנשאַפטלעכע קענטשאַפטן. ער פאָרשט די רוסישע קריטיקער און סאָציאַלע דענקער.

צו צוואַנציק יאָר — זייענדיק פאַרהייראַט — פאָרט ער אָפּ קיין בערלין, ברעסלוי און ווין. אין יאָר תרמ״ד באַזעצט ער זיך אין אָדעס, וואו ער טרעפט שוין אַ חובבי־ציון־באַוועגונג מיט ד״ר פינס־קער, דעם אויטאָר פון „אויטאָעמאַנציפּאַציע" אין דער שפּיץ. ער ווערט באַלד אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג און שפּעטער ווערט ער אַ מיטגליד פון קאָמיטעט. איינזעענדיק אָבער, אַז די אַרבעט פון „קאָמיטעט" טראָגט בלויז אַ פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער, טרעט ער אַרויס קעגן דעם. אין תרמ״ט דרוקט ער אין „המליץ" זיין ער־שטע אַרבעט אונטערן נאָמען „לא זו הדרך" (דאָס איז נישט דער וועג). ער שרייבט זיך אונטער מיטן פסעוודאָנים „אחד־העם" — איינער פונעם פאָלק.

„מיר איז גאָרנישט איינגעפאַלן זיך צו דערווערבן די שריפט־שטעלער־קרוין, און אויב עמעצער וואָלט מיר דאָס פאָרגעזאָגט, וואָלט איך אים געהאַלטן פאַר אַ פאַלשן נביא." *)

ער גרינדעט אַ געזעלשאַפט „בני־משה", וועמענס ציל איז: „פאַרברייטערן און פאַרטיפן דעם זין און באַדייט פון נאַציאָנאַליזם", ד. ה. פאַרנעמען זיך נישט בלויז מיטן לאַנד, נאָר אויך און אפשר מער מיטן פאָלק אַליין... דער יידישער „נאַציאָנאַליזם" דאַרף פאַר־שטאַנען ווערן ווי אַ דערהויבענער, סובלימער באַגריף פון אַן עטישן אידעאַל, וואָס אין זיין צענטער געפינט זיך ליבשאַפט צום יידישן פאָלק, און אין זיין פעריפעריע — יעדע גוטע מידה און יעדע ער־לעכע אייגנשאַפט. **) אין יאָר תרנ״ד האָט אחד־העם אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די העברעאישע חודש־שריפט „השלח". מיינענדיק דערמיט צו זאָגן: ווי די וואַסערן פון השלח, וואָס פליסן פּאַמעלעך, דאַרף זיין די אַרבעט פון נאַציאָנאַלער אויפריכטונג. ווייל עס פאַ־דערט זיך נאָך אַ גרויסע דערציאונגס־אָנשטרענגונג לטובת דעם פאָלק. אין יאָר תרס״א גיט ער אויף זיין רעדאַקטאָרישע טעטיקייט. פון אָדעס פאָרט אחד־העם אַריבער קיין לאָנדאָן. פון לאָנדאָן קומט

*) אחד־העם, על פרשת־דרכים, חלק א׳ הקדמה למהדורה ראשונה, אדעסע, י״א ניסן, תרנ״ה.

**) אחד־העם, על פרשת דרכים, חלק ד׳ עמודים קצ״ח—רכ״ז.

ער אין יאָר תרפ״ב קיין ארץ ישראל. ער באַזעצט זיך אין תל-אביב. און אין יאָר תרפ״ז, זייענדיקט אַלט זיבציק יאָר, שטאַרבט דער גרויסער לערער. ***)

## די נישט ריכטיקע אויפפאַסונג פון אחד־העמס שיטה

ווי אַלע לערעס, וועלכע ווערן מיט דער צייט פאַרקריפּלט און אין בעסטן פאַל פאַרשידן אינטערפּרעטירט, ווערט אויך דער גייסטיקער ציוניזם פון יידישן נאַציאָנאַלן דענקער אחד־העם, נישט ריכטיק אויפגעפאַסט.

עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן אויסגענוצט זיין שיטה קעגן פּאָליטישן ציוניזם, ווי: דער „ברית־שלום״, בענטוויטש און אַנדערע. אויך ענגלישע מיניסטאָרן זענען פון צייט צו צייט געוואָרן „אחד־העמיסטן״. און אַלערליי בעווינס האָבן געוואָלט מיטן „אחד־העמיזם״ כשרן זייערע אַנטי־ (נאַציאָנאַלע) יידישע מעשים. — און נישט נאָר אייגענע „שלומניקעס״ און להבדיל שונאי־ציון האָבן געוואָלט אויסנוצן דעם גייסטיקן ציוניזם קעגן די אמתע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, נאָר אויך היינט פרווון ציוניסטן, אפילו ציוניסטישע פירער דעם „אחד העמיזם״ מינימיזירן, אים אויפנעמען אַזוי צו זאָגן ענגהאַרציק, אָנשטאָט אים אויסברייטערן, פאַרטיפן צו אַ נאַציאָנאַלער יידישקייט־שיטה, בכדי אַזוי אַרום צו פאַרטיפן דעם ציוניזם לטובת די אַל־נאַציאָנאַלע יידישע אינטערעסן, וואָס דאָס איז זיכער דער מיין פון אחד־העם; און נאָר דאָס איז דער זין פון ציוניזם.

***

אחד־העם, וועלכער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציאונג און האָט נאָך זיין ווי סן פאַרטיפט מיט רעליגיעז־פילאָזאָפישע פּראָבלעמען און וועלטלעכע סטודיעס, איז געווען אַ טיפער

***) די ביאָגראַפישע שטריכן, לויט: לוח אחי אסף, מ. קליקסון אסא.

דענקער. אַלס תלמיד־חכם, וועלכער איז געווען גוט באַהאַוונט אין אַלע יידישע ווערטן פון זייער ערשטן מקור, האָט ער אין דער יידי־שער רעליגיע, אין איר יידישקייט־פאָרם, קודם־כל געזען דעם נאַ־ציאָנאַלן ווערט פאַרן קיום און פאַרן המשך פון יידישן פאָלק. ווי אַ פסיכאָלאָג האָט ער טיף אַריינגעדרונגען אין דער נשמה פון דער יידישקייט, זעענדיק אין איר אַ נאַציאָנאַליזירנדיקן פאַקטאָר אויף איינצוהאַלטן די גאַנצקייט און אייגנאַרטיקייט פון יידישן פאָלק הגם, די יידישקייט טרעט אַרויס אין אַ רעליגיעזן לבוש, כדי זיך לייכטער צו מאַכן די דאָזיקע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע.

— „די יידישקייט, זאָגט ער, גייט נישט קעגן הארץ, נאָר זי איז אַ „תורה שבלב". און דאָרט וואו די תורה שבכתב איז אין פאַר־לויף פון דער צייט פאַרעלטערט געוואָרן, זענען געקומען די חכמי התלמוד און האָבן זי צוריקגעפירט, צוגעפאַסט צום לעבן. — די גאַנצע יידישקייט איז אַ תורת־חיים, זי האָט זיך אַנטוויקלט צוזאַ־מען מיטן לעבן. און פון דער טיפעניש פון יידנטום אַליין וועט אַ־רויסגיין אַ נייער שטראָם צו באַנייען די אייגענע הערצער. „חבת ציון" (אחד־העמס באַגריף, וועגן גייסטיקן ציוניזם) איז נישט אַ טייל פון יידנטום אָדער עפּעס אַ הוספה צו אים, נאָר זי איז די פול־קאָמע יידנטום אַליין; אַ לעבעדיקע שטרעבונג צו אחדות האומה, צו איר אויפלעבונג, איר פרייע אַנטוויקלונג לויטן אייגענעם גייסט, אויף אַלגעמיינע מענטשלעכע יסודות („תורה שבלב" ז. 96).

מיט דער גאַנצער שאַרפקייט טרעט ער אַרויס קעגן יעדער פאָרם פון קנעכטשאַפט און פאַרפרעמדונג, מעג דאָס זיין אפילו אין דער פאָרם פון בלומרשטער עמאַנציפּאַציע־פרייהייט. — „ס'איז פאַ־ראַנען, זאָגט ער, אַ פאָרם פון בלומרשטער פרייהייט, ווען דער ייד איז פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקט, און דאָך איז ער אַ קנעכט. — ווייל ער איז בלויז אַלס מענטש פריי, אַלס בירגער, אָבער אַלס ייד איז ער משועבד צו פרעמדע נאַציאָנאַלע פאָרמען, צו אַ פרעמדן נאַ־ציאָנאַלן אָרגאַניזם." דאָס זעלבע טרעט ער אַרויס קעגן דער פאַר־שטיינערטער אָרטאָדאָקסיע, וועלכע, אין קעגנזאַץ צו די חכמי התל־מוד, זענען פאַרקנעכטעט זינלאָז צום געשריבענעם אות, אָפּרייסנדיק דעם דת פון לעבן... (על פרשת דרכים, 127, „עבדות בתוך חירות").

## דער „איך" פונעם פאָלק

וועגן „איך" פונעם פאָלק זאָגט ער: *)

„אויך דער נאַציאָנאַלער „איך" פון פאָלק איז געוואָרן אַ זאַך פון פיל אויספאָרשונגען און טיפע סברות. אָבער אויך דאָ זענען געקומען עטלעכע פילאָזאָפן (דזשאָן־סטואַרט מיל און רענאַן) צו דער איבערצייגונג, אַז ווערנטלעך איז אָט דער באַגריף אַן אַמאַלגאַם פון פאַרגאַנגנהייט און צוקונפט; דערגאַנגענע אונ אייגנעדרוקן פון איין זייט און האָפענונגען און באַגערן פון דער צווייטער זייט, וואָס זענען געבונדן איינער מיט די אַנדערע און זענען אייגן צו אַלע יחידים פונעם פאָלק."

„נאָר אין אָט דעם צושטאַנד איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן אַ יחיד און אַ פאָלק. דער יחיד, ווען עס קומט זיין צייט, שטאַרבט ער, און אַלע זיינע האָפענונגען וועלן אים נישט אויסלייזן פון גרוב; אָבער אַ פאָלק, וועמענס פאַדעם פון לעבן איז עפּעס גייסטיקס און די געזעצן פון פּסיכאָלאָגיע האָבן נישט באַשטימט קיין גרענעץ פאַר זיינע יאָרן און קיין סוף פאַר זיינע כוחות, דאָס פאָלק, אויב אים געלונגט נאָר אַריינצוברענגען אין זיין „איך" דעם עלעמענט פון צוקונפט, אפילו בלויז אין דער פאָרם פון אַ אילוזאָרישער האָפענונג, האָט ער שוין געפונען זיין לעבנס־עליקסיר אויף לאַנגע יאָרן"... און ווייטער פירט ער אויס: דער נאַציאָנאַלער אייביקער „איך" פון פאָלק ישראל... זיין וועג איז אויסגעטראָטן און באַשטימט פון זיין סאַמע וועזן, און זיין עצם און מהות איז באַזירט אויף אַ פאַרגאַנגנהייט און דערגרייכט אין דער וויטסטער צוקונפט אַריין („יסודה מעבר וסופה לעתיד"). **) ווי מיר זעען פון אויבנדערמאָנטן, איז ביי אחד־העם דאָס פאָלק דער עיקר און יסוד פון אַלץ. דאָס פאָלק ווי אַ שלימותדיקע איינהייט און גאַנצקייט, וואָס קומט צום אויסדרוק דורכן נאַציאָנאַלן „איך" ווי אַ פאַרבינדלער און פאַרשווייסער פון זיין פאַרגאַנגנהייט מיט זיין צוקונפט. און נאָר די דאָזיקע איינשטעלונג האָט באַשטימט זיין באַציאונג צום ציוניזם, ווי אויך צו אַלע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

---

*) אחד־העם, על פרשת דרכים, חלק א׳ קנ"ו—קס"א.

**) אחד־העם, על פרשת דרכים.

# אחד־העמס שיטה לגבי דעם ציוניזם

דער גרונד־געדאַנק פון אחד־העמס שיטה, לגבי דעם ציוניזם פון זיין מרכז רוחני, איז: נאָך פאַרן אומקער קיין ציון, דאַרף פאַר־קומען דער אומקער צום אייגענעם פאָלק. — מען דאַרף דאָס פאָלק באַנייען פאַרן באַנייען דאָס לאַנד. דער מרכז רוחני אין ארץ ישראל דאַרף פירן דאָס פאָלק צו אַ נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. אויפוועקן, אַנט־וויקלען אַלע נאַציאָנאַלע און עטישע אייגנשאַפטן פון פאָלק („המ־ליץ" „לא זו הדרך"). נישט נאָר אַ יידן־נויט איז דאָ (צרת היהודים), נאָר אויך אַ יידנטום־נויט (צרת היהדות). דאָס יידנטום, דער יידי־שער גייסט גייט אונטער אין דער דעגענערירטער אַטמאָספערע פון גלות. אין גלות האָט דער ייד נישט קיין מעגלעכקייט זיך פריי צו אַנטוויקלען. דאָס קען נאָר זיין אין ארץ ישראל. דאָרטן וועט די יידישע רעליגיע, די העברעאישע קולטור און טראַדיציע זיך פריי אַנטוויקלען. ביי זיך, אין דער אייגענער סביבה, וועט דער ייד זיך אויסלעבן יידיש און נאָך שאַפן אויף דער באַזע פון אַלטן נייע ווערטן.

דעם טראָפ שטעלט אחד־העם נישט אַזוי אויפן לאַנד, ווי דער עיקר אויפן פאָלק. דאָס פאָלק איז אַלץ. — אַז אַ לאַנד ווערט חרוב, זאָגט ער, קומען עזרא און נחמיה צוזאַמען מיטן פאָלק און בויען עס ווידער אויף. אָבער אַז אַ פאָלק ווערט חרוב, ווער וועט עס צו־ריק אויפבויען? דעריבער דאַרף דער גייסטיקער ציוניזם דערציען דאָס פאָלק. דער גייסטיקער צענטער אין ארץ ישראל וועט באַ־איינפלוסן דאָס פאָלק אויף אַלע זיינע ערטער צו אַן אויפגעוועקט נאַציאָנאַל לעבן. און דאָס אויפגעוועקטע פאָלק וועט באַנייען זיין נאַציאָנאַלן גייסט און זיין האַרץ צו איין פולקאָם־נאַציאָנאַלער איינ־קייט. — עס וועט קומען צו אַ שלימות פון נאַציאָנאַלן געפיל און באַוואוסטזיין לטובת דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

***

הגם, אַלס לאָגיש־נאַציאָנאַלער דענקער, איז דער עיקר ביי אים דאָס פאָלק, הייסט עס נישט, ווי אַ טייל ווילן איינרעדן: אַז

אחד־העם איז געווען קעגן יידנשטאַט, אַז גייסטיקער ציוניזם, איז אין סתירה צום פּאָליטישן. דאָס מיינט נאָר: אַז אחד־העם האָט שוין דעמאָלט, נאָך פאַר דער מדינה־אַנטשטייאונג, פאָראויסגעזאָגט די שפּעטערדיקע שוועריקייטן פון קיבוץ־גלויות, פון אַ פאַרשטאַרקטער אַסימילאַציע אין די תפוצות און שווערן אויפבוי־פּראָצעס, אפילו אין אַ צייט, ווען דער ציוניזם וועט האָבן אַלע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אַטריבוטן, וואָס נאָר אַ מלוכהש פאָלק קען באַקומען. ער האָט פאָראויסגעזען די שוועריקייטן פון אַ פאָלק, וואָס איז נאָך נישט איבערדערצויגן, פאַראַרבעט געוואָרן אין אַ שטאַרקן נאַציאָנאַלן גייסט; אַ פאָלק, וואָס איז נאָך נישט צוגעגרייט געוואָרן צו זיינע (מיטן אויסנאַם פון אַ טייל) שווערע חלוצישע אויפגאַבן. —

אין דעם טאַקע איז באַשטאַנען דער תמצית פון זיין לערע, די לערע פון „צרת היהדות", פון דער יידנטום־נויט. ער האָט געזען די נויט פון יידנטום, אין איר אויסגעקרומטקייט, אין איר גלותיזם, אין איר אייגענער נאַציאָנאַלער פאַרפעלשונג. — שטעלנדיק אין פאָדערגרונט דאָס פאָלק האָט ער געוואָלט האָבן אַ נאַציאָנאַל־קרעפטיק פאָלק, אַ פאָלק, וואָס לעבט מיט זיינע פאַרגאַנצטע געפילן און נאַציאָנאַל פאַרגאַנצטן באַוואוסטזיין. — ער האָט עס געוואָלט אויסהיילן פון דער כראָנישער חוט השדרה־קראַנקהייט פון אומעטום...

ער האָט געוואָלט דאָס פאָלק באַפרייען פון זיין גייסטיקער נויט, כדי, ווי אַ באַפרייט פאָלק, זאָל עס קענען באַפרייען זיין לאַנד. איז דאָך דאָס אָרט פון מרכז רוחני אין ארץ ישראל. האָט דאָך אחד־העם בפועל ממש אויך מיטגעהאָלפן צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע און אַנדערע פּאָליטיש־ציוניסטישע אַקציעס, כדי פון אים אַראָפּצונעמען יעדן חשד פון פּאָליטישער קעגנערשאַפט. — און נישט נאָר די יידישקייט האָט ער אין זינען געהאַט, נאָר מיט דער יידישקייט האָט ער געוואָלט אָנפילן די אייביקע קאַנאַלן פון קיום האומה. ער האָט געזען דאָס חשיבות פון יידישן גייסט, פון יידישקייט־שטייגער, פאַרן אייביקן קיום פון פאָלק. די דאָזיקע פלאַמיקע גליסטונג האָט אים געטריבן צו זען אין ארץ ישראל קודם־כל אַ גייסטיקן צענטער, אַ „מרכז רוחני". ער האָט געוואָלט, נישט פאַרקלענערנדיק דעם פּאָליטישן ווערט פון ציון, אַז ציון זאָל אויך זיין דער גייסטיקער דער־

לייזער פון פאָלק, ווי דער יידנשטאַט דאַרף זיין דער פּאָליטישער דערלייזער.

דורך דער השפּעה פון דער ענגלישער סאָציאָלאָגיע (ספּענ־סער) האָט ער געגלייבט, אַז דורך אַן עוואָלוציאָנערער גייסטיקער דערציאונג וועט מען רייף מאַכן דאָס פאָלק צו גרויסע היסטאָרישע מעשים. דאָס מיינט ווידער נישט, אַז ער האָט זיך בלויז באַנוגנט מיט גייסטיקער אַרבעט. פאַרקערט, ער האָט אין ארץ ישראל דווקא געוואָלט זען אַ גוט אַנטוויקלטע ווירטשאַפט און אַ גיכן אויפבוי־פּראָצעס. ער האָט אָבער שאַרף אַראָפּגעריסן יעדע שפּעקולאַטיווע און „פּלאַנטאַטאָרישע" עקספּלואַטאַציע, וועלכע שטערט דעם נאַ־ציאָנאַלן אויפבוי און מאָראַלישן אויפשטייג, פון וועלכן צד דאָס זאָל נישט זיין. ער האָט געפאָדערט חלוציזם פון יעדער ווירטשאַפט־לעכער פאָרם (אמת מארץ).

## וועגן דער איינזייטיקייט פון אחד־העמס שיטה

נישט באַגרינדעט איז די מיינונג, אַז אחד־ העמס שיטה איז איינזייטיק, אַז ער האָט נישט געזען די יידן־נויט, נאָר אַ יידנטום־נויט. ס'איז נישטאָ קיין יידנטום־נויט אָן אַ יידן־נויט, ווי ס'איז נישטאָ קיין שיין אָן ליכט. — ביידע די שיין און דאָס ליכט איז איינס און דאָס זעלבע. ס'איז אָבער אויך נישטאָ קיין יידן־נויט אָן יידנטום־נויט — ווי עס קען נישט זיין קיין זאָרג פאַר יידן, אויב זיי זענען נישט קיין יידן, אויב זיי זאָגן זיך אָפּ פון יידנטום, פון דער יידישקייט. — ווען מיר זאָגן: דער עיקר איז דער לעבעדיקער ייד, מיינען מיר שוין דערמיט אַליין צו זאָגן: אַז מיר זאָרגן נישט פאַרן סתם מענטש וואָס איז אים, פאַרן סתם ביאָלאָגישן עצם (וועזן), נאָר פאַרן ביאָלאָגישן עצם, וואָס איז געקניפּט און געבונדן מיט זיין יידישקייט, מיט זיין ייד־זיין. — און ייד־זיין איז נישט אַ בלויזע אָפּשטאַם־שייכות, אַ בלויזער „יחוס אבות", נאָר טאַקע „יחוס עצ־מו" אַליין איז דער עיקר, זיין נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, זיין פילן זיך במחשבה ובמעשה אַלס ייד. —

די דילעמע, בכן, פון ייד און יידישקייט קען בכלל נישט געשטעלט ווערן, ווי עס קען אויך נישט געשטעלט ווערן די דילעמע

פון מענטש און ייד; זיי זענען ביידע איינס און דאָס זעלבע מאַ־ראַליש. —

עס קען יאָ געשטעלט ווערן די דילעמע: פאָלק צו לאַנד, אין פאַל, ווען עס איז דאָ אַזאַ נויטווענדיקייט. אויף דעם האָט אחד־העם, ווי די יידישע געשיכטע, ווי בכלל יעדע לאָגיק, איר פעסטן פסק: דאָס פאָלק! זיין נאַציאָנאַלער קיום אַלס באַזונדער פאָלק, איז קודמער ווי דאָס לאַנד. קיום האומה איז אַ ציל פאַר זיך אַליין — אָבער קיום האומה מוז דאָך האָבן איר פאָרם, איר נאַציאָנאַלע פאָרם, וואָס האַלט אונטער דעם גייסטיקן זיין פון פאָלק, די באַזונ־דערע נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט — ווי זי מוז אויך האָבן די מאַטעריעלע מיטלען, פאַרן פיזיש־ביאָלאָגישן לעבן פון זיינע באַ־זונדערע יחידים, יידן. און די דאָזיקע באַזונדערע פאָרם — איז די יידישקייט, די יהדות. — די עלעמענטן פון דער יידישקייט זענען: די נאַציאָנאַלע עלעמענטן פון דער יידישער רעליגיע, דאָס וואָס פאַ־רעמט, געשטאַלטיקט דאָס יידישע פאָלק, וואָס גיט אים אַ נאַציאָ־נאַלן שטייגער. — אַט דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט די יידן אין אַ יידנ־טום... איז דאָס יידנטום (דער נאַציאָנאַלער גייסט), די יידישקייט, אויך דעריבער קודמער ווי דאָס לאַנד, ווי די ערשטע פאָרם פון קיום האומה. — ווי דער אופן, פון זיין נאַציאָנאַלן זיין. פון זיין זיין — ווי אַן אייגנאַרטיק פאָלק.

דעריבער האָט אחד העם געזאָרגט פאַרן „צרת היהדות”. אָ־בער אויך די יידן־נויט האָט ער נישט נעגירט. און דערפאַר טאַקע, דאַרף ארץ ישראל זיין דאָס אָרט פון „מרכז רוחני”. ווייל ארץ ישׂ־ראל איז אי אַ צווייטע פאָרם, אי אַ מיטל פאַרן אייביקן לעבן פון דער נאַציע און איר באַזונדערקייט. אַ צווייטע פאָרם — ווייל ארץ ישראל אַליין האָט אַ דאַנק איר געשיכטע אירע דעראינערונגען, איר טראַדיציע, אַלע פאַרבינדונגס־עלעמענטן פאַרן יידישן פאָלק. אַ מיטל ווייל ארץ ישראל, ווי אַ יידיש לאַנד, דאַרף פאַרענטפערן ביי־דע זאַכן אי די יידן־נויט, אי די יהדות־נויט.

***

אויך די מיינונג: אַז דער גייסטיקער ציוניזם איז אַ נאַציאָנאַלע פאָרם פון אַ מיסיע־יידנטום, איז נישט אויסגעהאַלטן. עס איז אַ

גרויסער אונטערשיד, פון זיין אַ שליח פאַר יענעם, שמירעכץ אין די רעדער פון דער רעוואָלוציע, אָדער אויפן בעסטן אופן, שמיר־אייל אין די עטישע רעדער פון די פעלקער, ווי האָבן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע שליחות פון זיך, פאַר זיך.

יעדער מענטש, ווי יעדער בעל־חי, האָט אַן אייגענע שליחות: דאָס איז דאָס שליחות פון לעבן, בכדי צו לעבן. — דער זין פון זיין לעבן איז אין לעבן אַליין. — אויך אַ פאָלק האָט אַ שליחות אין זיך אַליין.

די מיסיע פון יידישן פאָלק, איז קודם־כל, אין זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן זיין ווי אַ פאָלק. דאָס פאָלק נעמט דעם זין פון זיין לעבן, פון זיין אייגנאַרטיקן לעבן אַליין. — ווי אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער יש. און זייענדיק ווי אַ באַזונדערער יש, שטרעבט ער צו פאַרטיפן און פאַרשענערן זיין נאַציאָנאַל לעבן, ביז אומגעזעענע הייכן. אַרויסצוהייבן אַלע פונקען פון הייליקייט און דערהויבנקייט, בכדי זיך אַליין צו באַרייכערן און דורך זיך — די וועלט, ביז צו דער אַלגעמיינער פעלקער־פאַרמענטשלעכונג און פעלקער־פאַרברידערונג. נישט פאַרלירנדיק, פאַרשטייט זיך, גאַרנישט פון זיין באַזונדערן נאַציאָנאַלן יש. — און אויב דאָס איז אונדזער נאַציאָנאַלע מיסיע, אויב אין גייסטיקן ציוניזם ליגט אַזאַ טענדענץ, אויב די שלימות פון מענטשלעכקייט און יידישקייט אויפן שוים פון אייגענעם מלוכהשן לעבן (זאָל זיין אפילו ביי אחד־העמען, אויפן שוים פון אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן), דאַרף זיין אונדזער מיסיע, האָבן מיר זיך נישט מיט איר וואָס צו שעמען. —

***

היינט, דווקא היינט, ווען אין ציוניזם הערשט אַזאַ מיש־מאַש, ווען נאָך דער מלוכה־אַנטשטייאונג, הערן זיך אַזעלכע טענער פון שוואַכקייט, פון אַ ציוניסטישן באַוואוסטזיין ירידה, אָדער פון אַן אויסגעליידיקטן ככל־הגויים־ציוניזם פון איין זייט, און אַ פחדנות־דיקער לאָיאַליטעטס־געיעג פון דער צווייטער זייט, איז ברענענדיק־אַקטועל דער גייסטיקער ציוניזם.

שוין דעמאָלט האָט אחד־העם פאָרגעזען די שוואַכקייטן פון אַ

נישט אין גייסט פֿעסט צעמענטירט פֿאָלק, פֿון אַ מאַנגל אין אַ פֿעלדזן־פֿעסטן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פֿון זײַנע גרויסע טײלן. דעריבער האָט ער געפֿאָדערט דאָס אומקערן זיך צום פֿאָלק — נאָך פֿאַרן אומקער צום לאַנד. — און קלערנדיק פֿאַר דער אייביקייט פֿון פֿאָלק, האָט ער אַרויסגעהויבן די ייִדישקייט ווי אַ נאַציאָנאַלי־זירנדיקער פֿאַקטאָר פֿאַרן קיום האומה.

אָבער זײַן ייִדישקייט, זײַן יהדות, איז נישט די פֿאַרשטײנער־טע ייִדישקייט פֿון דער ענגהאַרציקער אָרטאָדאָקסיע, וועלכע שטערט דעם רענעסאַנס פֿון פֿאָלק און לאַנד. נאָר אַ זאַפֿטיק־נאַציאָ־נאַלע ייִדישקייט, וועלכע קרעפֿטיקט, געשטאַלטיקט דאָס פֿאָלק, וועלכע געפֿינט זיך אומעטום, וואו ס'איז נאָר דאָ אַ נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייט...

און פֿאַרטײַפֿן דעם ציוניזם, מאַכנדיק אים צו אַן אַל־פֿאָלקישער נאַציאָנאַלער אידעע, קענען מיר נאָר דורך אַ שלימותדיקער סינטע־זע פֿון פּאָליטישן און גייסטיקן ציוניזם, דורכן פֿאַרוואַנדלען דעם ציוניזם אין אַ נײַ־ייִדישקייט...

# פאָלק, גייסט און לאַנד

וואָס איז קודמער, עיקרדיקער, פון די דאָזיקע יסודות: פאָלק, גייסט און לאַנד, וואָס בילדן צוזאַמען די מלוכהשע נאַציע? הגם אַלע דריי יסודות זענען וויכטיק און זענען צוזאַמען דער „חוט המ־שולש", דער דריי פאַכיקער שטריק, וואָס פאַרבינדט די נאַציע, מאַכנדיק פון איר איין אויסגעשמידטע איינהייט, איז פון דעסט־וועגן פאַראַן צווישן זיי אַ פריער און שפּעטער. גילט דאָ נישט דער כלל פון „אין מוקדם ומאוחר בתורה", און ס'איז אויך פאַראַן אַ גרעסערער און קלענערער עיקר. און דאָס איז נישט סתם קיין אַבסטראַקטע פראַגע, הגם אויך מיט אַזאַ פראַגע, בלויז לשם פּרינ־ציפּ, מעגן מיר זיך באַשעפטיקן, ווייל זי גיט אונדז די געהעריקע ריכטונג אינעם לעבן. זי איז אָבער פאַר אונדז אַ הלכה למעשה. אַ פראַגע, פון וועלכער ס'קומט אויס צו ציען פראַקטישע קאָנסעקװ־ווענצן — בפרט פאַר אונדז יידן, ווי אַ נאָך נישט נאָרמאַליזירט פאָלק, ווי אַ פאָלק, וואָס איז נאָך צעשפּרייט איבער דער וועלט, ווּעמענס צענטל נאָר געפינט זיך אין ישראל.

איך מיין אָבער, אַז ווען מיר וואָלטן אפילו געווען אין גאַנצן קאָנצענטרירט אין ישראל, וואָלט אויך נאָך די דאָזיקע פראַגע גע־עגבערט אונדזער מוח, צוליב דער אָפּגעשוואַכטקייט פון אונדזער נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און דער נישט־איינהייטלעכער קולטור, וואָס באַהערשט נאָך די פאַרשידענע טיילן פונעם יידישן פאָלק. וואָרעם טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע, ווי וויכטיק זי זאָל נישט זיין, איז זי נאָך נישט אַלץ. זי איז אַליין נאָך נישט גענוג פאַרן אויפהאַלט פונעם פאָלק, בפרט פאַרן אויפהאַלט פון זיין ווייטער־דיקן קיום. די טעריטאָריע, דאָס לאַנד, איז נאָר אַ מיטל פאַר דער נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע פונעם פאָלק. זי איז אמת אַ גאָר וויכ־טיקער יסוד פאַר דער מאַטעריעל־פּאָליטישער ראָם פון דער נאַציע,

אָבער פּאַרט נישט מער ווי אַ געפֿעס, אַן אינסטרומענט, מיט וועלכן דאָס פֿאָלק דאַרף זיך באַנוצן צו אַ העכערן צוועק. פּונקט ווי אַן אינסטרומענט איז נאָר אַ געצייג ביים מייסטער, כדי דערמיט זיך צו באַנוצן צו אַ וויכטיקערן צוועק, אַזוי איז אויך דאָס לאַנד מער נישט ווי אַן אינסטרומענט ביים שר של האומה, כדי דערמיט זיך צו באַנוצן צו אַ העכערן צוועק, פֿאַר דעם פֿיזישן און גייסטיקן אויפֿהאַלט פֿונעם פֿאָלק. דעם אויפֿהאַלט פֿונעם פֿאָלק, ווי אַ פֿיזיש־ביאָלאָגישן קאָלעקטיוו, און דער עיקר: ווי אַ נאַציאָנאַל־באַוואוסט־זיניקן מאַסיוו. און לגבי דער לעצטער אויפֿגאַבע, שטעלט זיך באַזונדערס שאַרף די פֿראַגע וועגן דער פּריאָריטעט, בכורהדיקייט פֿון אָט די יסודות: פֿאָלק, גייסט און לאַנד.

אונדזער יידישע געשיכטע האָט אונדז נישט איין מאָל אַוועקגעשטעלט פֿאַר דער ביטערער דילעמע צווישן זיי. און זי האָט אונדז אַוועקגעשטעלט נישט נאָר אין יענעם ביטערן צייט־אָפּשניט, אין אָנבליק פֿון אונטערגאַנג פֿון אונדזער זעלבסטשטענדיקייט, ווען רבי יוחנן בן זכאי האָט זיך געדאַרפֿט אַדורכגנבֿענען דורך דער פֿייער־ליניע, כדי צו ראַטעווען דעם יידישן גייסט דורך יבנה, נאָר זי שטעלט אונדז אויך היינט אַוועק פֿאַר אָט דער דילעמע, דווקא אין אַ פֿאַרקערטער געשיכטלעכער פֿאַרהעלטעניש ווי אַ מאָל, ביים באַנייען אונדזער לאַנד און ביים צונויפֿנעמען די גלותן.

***

ביי די אומות העולם עקזיסטירט נישט אַזאַ דילעמע. הגם אויך אַ טייל פֿון זיי האָבן אין געוויסע צייטן פֿאַרלוירן זייער נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט, זענען זיי אָבער געבליבן אין דער מערהייט אין זייער אייגן לאַנד. און דורך דעם, ווי אויך דורך דער רעליגיעזער געמיינזאַמקייט מיט זייערע באַהערשערס (ביי איין און דעם זעלבן קולטור־קרייז), האָבן זיי אויפֿגעהאַלטן זייער נאַציאָנאַלן קיום.

אונדזער געשיכטלעכער גאַנג אָבער האָט אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג, און אַ טעות איז, אַז די דאָזיקע ווענדונג איז אַנטשטאַנען בלויז צוליב טיטוסן, וואָס האָט אויסגעלאָשן דעם לעצטן פֿונק פֿון אונדזער זעלבסטשטענדיקייט, אָדער גאָר שפּעטער צוליב

אנדריינוס־קיסר, וואָס האָט פאַרניכטעט די לעצטע העלדישע רעשטלעך פון בר־כּוכבאס גבורים, די קעמפער פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק, נאָר די דאָזיקע ווענדונג איז אַנטשטאַנען נאָך אַ סך פריער. זי האָט זיך שוין שעדלעך אויסגעווירקט אין דער צייט פון דער שפּאַלטונג צווישן רחבעמס יהודה און די איבעריקע שבטים, וואָס האָט אין רעזולטאַט דערפירט צום אונטערגאַנג פון דעם גרעסטן טייל פון אַמאָליקן בני־ישראל־פאָלק.

די דאָזיקע טראַגישע שפּאַלטונג נאָך באַלד ביים באַגינען פון אונדזער מלוכהשן אויפקום און ביים אָנהייב פון נאַציאָנאַל־גייס־טיקן פאַרשווייסונג־פּראָצעס, וואָס האָט ווי אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ דערפירט צו דער נאַציאָנאַלער פאַרשווינדונג פון די ישראל־שבטים, צווינגט אונדז צו ציען דערפון די געהעריקע אויספירן.

דאָס באַווייזט, אַז ס'איז נאָך ווייניק צו האָבן אַן אייגן לאַנד, ווי עיקרדיק דאָס זאָל נישט זיין, כּדי צו דערהאַלטן דעם אייביקן קיום פונעם פאָלק, נאָר אַז מען קאָן אויך אינעם אייגענעם לאַנד, ווען ס'איז נישטאָ קיין פעסטע פאַרוואָרצלטקייט אינעם אייגענעם גייסט, — און אחדיקע שטאַנדהאַפטיקייט, דערגיין צו נאַציאָנאַלע שפּאַלטונגען, און דורך דעם סוף כּל סוף צום נאַציאָנאַלן אונטער־גאַנג פונעם פאָלק אַליין.

***

וואָס זשע איז דאָס ערשטע און עיקרדיקסטע פון אָט די יסו־דות: פאָלק, גייסט און לאַנד, וואָס בילדן צוזאַמען די נאַציאָנאַלע דרייאיינאיקייט? ס'איז אָן ספק, אַז דאָס עיקרדיקסטע, דער עיקר כּל העיקרים פון אָט די יסודות, איז דאָס פאָלק, דאָס פאָלק אין זיין פיזיש־ביאָלאָגישן און נאַציאָנאַל־גייסטיקן זין. וואָרעם צוליבן פאָלק, נאָר צוליב אים, דאַרפן מיר די איבעריקע צוויי יסודות. און כּדי צו דערהאַלטן דאָס פאָלק ווי אַ באַשטימטן נאַציאָנאַלן באַגריף, ווי אַ יידיש פאָלק, ד. ה.: ווי באַוואוסטזיניקן, צו קיום־שטרעבנדיקן יידי־שען קאָלעקטיוו — דאַרפן מיר האָבן דעם יידישן גייסט, דעם יידישן גייסט, ווי אַ פירער און קאָנטראָלירער פון אַלע זיינע נאַ־ציאָנאַל־גייסטיקע כּוחות; ווי דער באַזונדערער שליח און אָפּהיטער

פון זיין נאַציאָנאַלער גאַנצקייט און באַזונדערקייט; אויך ווי דער, וואָס פאַרקניפּט און פאַרבינדט דאָס פאָלק צו איין נאַציאָנאַלער שעפערישער איינהייט, דורך דער דינאַמיק פון כסדרדיקע מעשים לטובת דעם גאַנצן פאָלק.

דער נאַציאָנאַלער גייסט איז אונדזער פאַרשטיין, ווי אַ יש, ווי אַ באַזונדערער עפּעס, וואָס העלפט דעם פאָלק און היט אָפּ זיין קיום — איז נישט קיין בלויזער באַגריף, וואָס איז צו גאָרנישט מחייב. הגם ער איז פאַר אונדז פאַרבאָרגן, מיר זעען אים נישט, זעען מיר אָבער זיינע אויסווירקונגען; איבט ער אויס זיין איינפלוס דורך די פאַרשידענע קולטור־געפעסן, מיט וועלכע דאָס פאָלק באַנוצט זיך. דורך זיי קומט ער צום אויסדרוק. ער אַנטפּלעקט זיך דורכן נאַציאָנאַלן געדאַנק, דורך דער שפּראַך און דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

און דער עיקר: אין דער פאַרביסענער עקשנות פונעם פאָלק פאַרצווזעצן זיין נאַציאָנאַל לעבן.

דער נאַציאָנאַלער גייסט, הגם ווי אַ באַזונדערער כוח, איז אָבער געקניפּט און געבונדן מיטן פאָלק, צו וועמען ער געהערט. ער איז מיט אים פאַראייניקט ווי דאָס ליכט מיטן שיין. —

***

דער דריטער יסוד איז דאָס לאַנד. דאָס לאַנד ווי אַ געאָגראַפישער באַגריף, וואו עס אַנטשטייט די מאַטעריעל־פּאָליטישע ראַם פונעם פאָלק, די מלוכה. אינעם לאַנד, וואו עס ווערט געשאַפן די מאַטעריעלע ראַם פאַר זיין נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויסלעבונג, ווי אויך די מאַטעריעלע באַזע פאַר זיין פיזישער עקזיסטענץ, ווערט אויך געשאַפן די נאַציאָנאַלע סביבה פאַר זיין גייסטיקן לעבן און די באַדינגונגען פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון זיין נאַציאָנאַלן גייסט, ווי אַ פאַקטאָר פאַרן קיום־האומה. אַזוי אַרום דינען ביידע יסודות, דער נאַציאָנאַלער גייסט און דאָס לאַנד, דעם איינעם און דעם זעלבן צוועק: דעם פאָלק. נאָר אויב דער נאַציאָנאַלער גייסט קאָן אין אַ נויט פאַרבייטן דאָס לאַנד, ער קאָן דאָס „ירושלים של מעלה (פאַרגייסטיקטע ירושלים) מיטנעמען מיט זיך אין גלות

אַריין, אַריינפּירנדיק עס אין זכרון פונעם פאָלק ביז אַ „שעת הכו־שר״, אַזוי ווי ס׳איז געשען מיטן יידישן פאָלק, קאָן אָבער דאָס לאַנד קיין מאָל נישט פאַרבייטן דעם גייסט. ביי דער בעסטער מלוכהשער פונאַנדערבליאונג, אויב עס פאַרשווינדט דער נאַציאָנאַלער גייסט פון מלוכהשן פאָלק, גייט דאָס פאָלק אין גאַנצן אונטער, דאָס פאָלק ווי אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער יש. — פון דעסטוועגן אויב דאָס לאַנד קאָן נישט אינגאַנצן פאַרבייטן דעם גייסט. קאָן עס אָבער מיטהעלפן צו זיין דערהאַלטונג און קרעפטיקונג. דאָס לאַנד קאָן ביישטייערן צו זיין שעפערישקייט און אַקטיוויזירונג, פונקט ווי זי שטייערט ביי צו דער שעפערישקייט און נאָרמאַליזירונג פונעם גאַנצן פאָלק. —

**
*

וואָלט איך גערעדט אויף דער שפּראַך פון דער קבלה און לשון פון ספירות, — וואָלט איך געזאָגט:

די ערשטע ספירה: די ערשטע אויסשטראַלונג איז דאָס פאָלק. דאָס פאָלק איז דער עיקר און אַלץ.

די צווייטע אויסשטראַלונג, דאָס שיין פון דעם ליכט, וואָס הייסט פאָלק, איז זיין גייסט, דער נאַציאָנאַלער גייסט.

ערשט די דריטע עמאַנאַציע, דער דריטער כוח, וואָס גיט דאָס אָרט פאַר זיי ביידע, פאַרן פאָלק און פאַר זיין גייסט, איז דאָס לאַנד, דאָס אייגענע לאַנד, וואָס גיט די מעגלעכקייט דעם נאַציאָ־נאַלן גייסט זיך פריי צו אַנטפלעקן, קומען דורך קאָנקרעטע מעשים צום אויסדרוק. און אָט די אַלע דריי יסודות — פאָלק, גייסט און לאַנד — בילדן צוזאַמען איין נאַציאָנאַלע גאַנצקייט, איין איינס, איין אחד. —

# אויסצוגן פון קריטישע אפשאצונגען און מיינונגען איבער יעקב כהנס ביכער

## „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער",
יעקב כהן, ביאַליסטאָק 1930.

„אינעם בוך „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער", אין וועלכן דער מחבר שילדערט זיינע איבערלעבונגען פון דער פויליש־סאָוויעטישער מלחמה, זעען מיר מער ווי די אייגענע איבערלעבונגען. דאָס בוך שפיגלט אָפּ אויפן פאָן פון דער דעמאָלטיקער מיליטערישער לאַגע, דאָס לעבן פונעם יידישן זעלנער בכלל, ווי אויך דעם מצב פון אַ טייל יידישע שטעטלעך אין יענער אומרואיקער צייט. דאָס בוך, הגם עס געהער צו דער מעמוארן־ליטעראַטור, פאַרמאָגט עס אָבער שטאַרקע קינסטלערישע אַקצענטן און בילדער".

רעדאַקטאָר פסח קאַפלאַן — „דאָס נייע לעבן", ביטליסטאָק, 1930.
וואַרשעווער „היינט", 1930.

„דאָס בוך „אין און אַרום ציוניזם" פון יעקב כהן, פאַרמאָגט אַ סך באַלערנדיקע מאַטעריאַלן און ס'איז כדאי עס צו לייענען".
רעדאַקטאָר פּ. קאַפלאַן „דאָס נייע לעבן", ביאַליסטאָק, 1932
שפיזמאַן, „דער נייער וועג", וואַרשע, 1932.

„פיר פּאָעטן פון חורבן: י. פּערלאָוו, י. בורשטין, מ. ב. גוטמאַן, יעקב כהן".

## „פון אייגענעם גאָרטן", יעקב כהן, פּאַריז, 1949.

„די זאַמלונג „פון אייגענעם גאָרטן" צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס די איבערלעבונגען פון חורבן ווערן דאָ באַרירט אומדירעקט. דער אינהאַלט באַשטייט פון אַפאָריזמען, דיאַלאָגן און לידער אין פּראָזע, אונ־דער באַצייכענונג — מיט זיך אַליין. דער אַריינפיר איז אַ געשריי פון פאַרצווייפלונג צו די הימלען:

„אָ, צעברעך דיין אייגן האַרץ, ווי אַ צייטיקע שאָל, בעל רחמן. צערייס דיינע הימלען, ווי עס רייסט קריעה דער פאַריתומטער דור. און ער פאַרענדיקט דעם ערשטן אויסגעשריי: אין שויס פון דער לאַנגער נאַכט, קער אום די וועלט צו תוהו ובוהו..." דאָ איז פאַראַן אַ באַדייטנ־דיקע צאָל קלוגע, שאַרפע אַפאָריזמען.

„פאַרלאָז נישט דעם טונקעלן לאַבירינט פון זיין, כדי אַריינצופאַלן אין אַ נאָך טונקעלערן לאַבירינט פון נישט־זיין".
„דער אידעאַל איז אַ קאָלאָסאַל הויכער באַרג־שפּיץ, פון וועמענס

גאָלדענעם הויך אַלע קייקלען זיך צוריק".

„איידער אַ קנעכט ביי יענעם, זיי אַ קנעכט ביי זיך".

„דער דער קריגער יאָגט זיך נאָך רויב און רום, ווי דער סוחר נאָך פאַרדינסט".

„יעדער זוכט דעם שבת פון לעבן, די פּרינצעסין מיטן כישופדיקן שמייכל אויף די ליפּן".

„פאַראַן ביימער וועלכע וואַרפן אַליין אָפּ זייערע פרוכטן, אַנדערע, וועלכע מען מוז פונאַנדערשאָקלען".

„לעבן אַן טרוים, איז אַן אָדלער אָן פליגל".

„זיי דער ווירטואָז פון דיין אייגן לעבן".

„אין זכרון־קאַמער איז אַ ביטער גערעגל פאַר אַן אָרט".

די דיאַלאָגן און לידער אין פּראָזע, זענען אַן אויסברייטערונג פון דעם שרייבערס אַפאָריסטישן סטיל. ער פאַרענדיקט אין רעליגיעזן עקס־טאַז אויף דעם מאָטיוו פון „די וואָס זוכן דיך, געפינען דיך אין אַלץ".

מאַרק שווייד — „קולטור און דערציאונג", ניו־יאָרק, 1950.

„פון אייגענעם גאָרטן" איז א בוך, וואָס מעג זיך געפינען צווישן אַלע גוטע ביכער פון דער וועלט־ליטעראַטור".

י. וויינבערג

„דאָס ווערק האָט מיר פאַרשאַפט א גרויסע הנאה און גייסטיקן גע־נוס. די אַפאָריזמען, זענען א פּרעכטיקע זאַמלונג פון אויטאָרס שיינע גע־דאַנקען. אויך די דיאַלאָגן, לידער אין פּראָזע, האָבן מיט זייער שיינעם און דערהויבענעם סטיל געמאַכט אויף מיר א שטאַרקן איינדרוק".

(פון אַ ליטעראַרישן אָוונט איבערן בוך) אַדוואָקאַט שטיינבערג

„אונדזער שטימע", פּאַריז, 18, 19־טן יוני 1949.

„אין ביכל געפינען זיך פיינע און טיפע געדאַנקען".

מ. גראָסמאַן — „אונדזער וואָרט", פּאַריז, 25 יוני 1949.

**„אויף די וועגן פון יידישן קיום"**, נאַציאָנאַל־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען. פון יעקב כהן, פּאַריז, 1950.

„איך בין נאָכגעגאַנגען דעם שרייבער יעקב כהן אויף „די וועגן פון יידישן קיום" זיך צוגעהערט צו זיינע נאַציאָנאַל־פילאָזאָפישע באַטראַכ־טונגען און קאָנסטאַטירנדיק אַז דער טיטל איז א צו פּרעטענציעלער, מוז איך גלייך צוגעבן, אַז דאָס געזאָגטע איז פונדעסטוועגן ווערט געזאָגט צו ווערן. דאָס וואָס ער האָט פּאָפּולאַריזירט, האָט ער נישט וווּלגאַריזירט און דאָס איז שוין נישט קיין קליינער שבח.

„די געדאַנקען וואָס יעקב כהן זאָגט אַרויס וועגן ציוניזם און זיין באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיקער צוקונפט פון יידישן פאָלק, זענען לאָ־

גיש און באַגרינדעט. אָבער אין אַזאַ בוך, האָט אויך באַדאַרפט זיין אַן אָפּהאַנדלונג פון אַלע אַנדערע יידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען פון די לעצטע 50 יאָר.

„די שפּראַך פון י. כהנס בוך איז אַ גוטע, די געדאַנקען קלאָר פאָרמולירט. אַזוי ווי עס איז, קען עס ווערן, אַ נוצלעך האַנט־בוך פאַר ברייטע שיכטן פון לייענער".

ל. דאָמאַנקעוויטש (ליטעראַטור־קריטיקער),
„אונדזער וואָרט" (נומ. 227), פּאַריז, 1950.

„אין אונדזערע ציטן, ווען טויזנטער יידן, וואָס האָבן געזען דעם גרויסן אומגליק און זיי באַלאַנדזשען נאָך אַרום אויף די וועגן פונעם יידישן קיום, דערפילט מען די נויטיקייט פון אַזאַ בוך עסייען פון נאַציאָנאַל־פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס זענען אַ מין פרישע לופט פאַר די מיט תוהו ובוהו אָנגעפילטע מוחות . יעקב כהן נעמט דעם לייענער ביי דער האַנט און פירט אים דורך די וועגן פון יידישן קיום. ער ברענגט אַרויס דעם קערנדיקן אמת, אַז יידן אין גלות בייַ די בעסטע באַדינגונגען, זענען נישט מער ווי שוצלאָזע רעשטלעך פון אַ געוועזן נאַציאָנאַל־זעלבסטשטענדיק יידיש לעבן, צו וועלכן זיי מוזן זיך אומקערן. קומט טאַקע דעם דענקער יעקב כהן אַ יישר־כוח פאַר זיין דערמאַנען די, וואָס פּרוּוון זוכן אַנדערע געטער און נייע רפואות צו די יידישע צרות. שוין גלייכער אַ נאַציאָנאַלע זעלבסטדערקענטעניש און גיין שטאָלץ און מוטיק אונטער דער פאָן פון ציוניזם, צו דער ענדגילטיקער באַפרייאונג פונעם יידישן פאָלק.

„איז דערפאַר יעקב כהנס בוך, אַ וויכטיקער קולטור־צושטייער און אַ נוצלעך האַנט־בוך פאַר יעדן ייד".

ב. צ. פרידמאַן — „ציוניסטישע שטימע",
פּאַריז, 15־טן מערץ 1951.

„איך האָב געלייענט דיינע עסייען און איך שאַץ אָפּ די באַדייטונג פון דיין אַרבעט פאַר די פּראָבלעמען פון אונדזער צוקונפט, בפרט אין די פראַגן וועגן דער באַציאונג פון דער יידישער רעליגיע צום נאַציאָנאַלן געפיל".

נ. ה. טור־סיני
(פּראָפעסאָר טאַרטשינער פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט)

„איך האָב מיט פאַרגעניגן געלייענט אייער בוך, פאַר וועלכן איך דריק אייך אויס מיין אָנערקענונג. הגם געוויסע פּראָבלעמען קאָן מען פאַרשידן אונטערפּרעטירן, האָט איר אָבער אויף אַ פּרעציזן און לאָגישן אופן, צוזאַמענגעבראַכט די אַלע פאַקטאָרן און זיי פּינקטלעך באַלויכטן. דורכן אַרויסברענגען זיי און אויף אייער אייגנאַרטיקן אופן זיי מפרש זיין, האָט איר געגעבן אייער ווערטפולן צושטייער פאַר דער יידישער קולטור".

זעליק בראָדעצקי — פּראָפעסאָר פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט.

## „לאַבירינטן פון געדאַנק“, יעקב כהן, פּאַריז, 1951.

„אין פראַנקרייך, אין דעם טראַדיציאָנעלן לאַנד פון אַפאָריזמען־שרייבערס, איז נישט לאַנג צוריק דערשינען אַ בוך פון 130 זייטן, אָנגעפּיקעוועט בלויז מיט חכמה אָדער חכמות. י. כהן איז אַ מחבר פון עטלעכע ביכער און ער גרייט זיך אַרויסגעבן נאָך ביכער. זיין ערשט בוך — „דריי יאָר אין פּוילישן מיליטער“ איז דערשינען אין 1930 אין ביאַליסטאָק.

„אַזאַ אומדאַנקבאַרע קונסט איז די אַפאָריזמען שפּינערייַ, אַז דער מחבר באַוואָרנט זיך אין זיין אַריינפיר מיט אַ סך באַוואָרענישן, איידער ער וויקלט פונאַנדער זיינע 23 קאַפּיטלעך מיט קורצע מעדיטאַציעס. „מענטשן וואָס דענקען קענען זיך דערטראַכטן צו ענלעכע אויספירן“, זאָגט אונדז דער מחבר, און ער איז גאַנץ גערעכט, ווייל אַ חכמה אין איר אַפאָריזמען־צושטאַנד איז אַזוי נאַקעט, אַז זי מוז זיין ענלעך צו אַן אַנדער חכמה.

„די מייסטע אַפאָריזמען אין בוך „לאַבירינטן פון געדאַנק“ זענען זאָגעכצער אַזעלכע, פון דעם שטייגער וואָס דער דיכטער י. סטאַדאַלסקי האָט ליב צו שרייבן. אין די אַלטע צייטן האָט מען אַזעלכע זאָגעכצער גערופן געדאַנקען־שפּליטער. דער הויפּט־חסרון פון יעקב כהנס געדאַנקען־שפּליטער איז, וואָס מען דאַרף זיי ערשט פּשט'לען. פונדעסטוועגן וועט אַ פליסיקער לייענער געפינען געדאַנקען, וואָס פאַרענטפערן זיך אַליין. צום ביישפּיל:

„דאָס שטאַרקסטע ליכט איז איינגעהילט אין אייגענעם ליכטיקייט־נעפּל“. „דאָס ליכט באַלויכט זיך אַליין, פונקט ווי דער צער וואָס זויגט פון אייגענעם קוואַל“.

„מיר זענען אָרעם, זייער אָרעם, ווייל מיר זענען גיריק און ווייל עס איז נישטאָ קיין גרענעץ צו אונדזערע פאַרלאַנגען“.

**יעקב גלאַטשטיין**, ליטעראַטור־קריטיקער,

„קעמפער“, ניו־יאָרק סעפּטעמבער 1951.

„אייער ספר „לאַבירינטן פון געדאַנק“ באַזיצט באמת שיינע געדאַנקען, און אַ שיינע פאָרם. עס ווייזט אַ לײַדנדן ייד, מיט גרויס קולטור, יידישע און וועלטלעכע. עס ווייזט אַן איידעלן גייסט. ווען מען לייענט אייך, מוז מען טראַכטן. די געדאַנקען אייערע צווינגען צונויפצוקנייטשן דעם שטערן.

„אייער בוך, געפינט זיך צווישן מיינע אויסדערוויילטע ספרים, איך לייען פון אייער חכמה... און שעפּ דערפון ריינע, טיפע געדאַנקען. איר האָט אַ רייך הארץ, אַ רייכע נשמה“.

**ש. טענענבוים** — ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסט. ניו־יאָרק, 1951.

# אינהאלט

זייט


אַריינפיר פון מחבר

## דער יידיש־נאַציאָנאַלער גייסט . . . . . . . . . 9

דער מענטשלעכער גייסט . . . . . . . . 9
דער נאַציאָנאַלער גייסט . . . . . . . . 11
אברהם . . . . . . . . . . . . . 13
יעקב . . . . . . . . . . . . . . 15
משה . . . . . . . . . . . . . . 17
די שופטים . . . . . . . . . . . . 19
נביאים . . . . . . . . . . . . . 20
שמואל הנביא . . . . . . . . . . . . 21
נתן הנביא . . . . . . . . . . . . . 22
ישעיהו . . . . . . . . . . . . . 22
עמוס . . . . . . . . . . . . . . 23
מיכה המורשתי . . . . . . . . . . . 23
אליהו הנביא . . . . . . . . . . . . 23
די חשמונאים . . . . . . . . . . . . 25
יבנה . . . . . . . . . . . . . . 26
חכמי התלמוד . . . . . . . . . . . 27
גאונים און מפרשים . . . . . . . . . . 28
דער חסידיזם . . . . . . . . . . . . 29
השכלה און עמאַנציפּאַציע . . . . . . . . 33
פּאָליטישער ציוניזם . . . . . . . . . . 34
נאַצי־קאַטאַקליזם . . . . . . . . . . 35

## די אייגנטימלעכקייטן פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער פּסיכיק . . . . . . . . . 38

די יידישע מיטאָלאָגיע . . . . . . . . . 38
אונדזער הויפּט־פיגור . . . . . . . . . 41
דער יידישער מאָנאָטעאיזם . . . . . . . . 41
די איבערטריבענע גייסטיקייט . . . . . . . . 42

זייט


## פאַרוואָס זענען אונטערגעגאַנגען
## די עשרת השבטים? . . . . . . . . . . 46
די סיבה פון אונטערגאַנג . . . . . . . . . . . 47
די גייסטיקע און סאָציאַלע ירידה . . . . . . . . 50
שלמה׳ס תקופה . . . . . . . . . . . 52
די עיקר־סיבה פון אונטערגאַנג . . . . . . . . . 55

## רבי יוחנן בן זכאי און רבי עקיבא . . . . . . . . 57

## איין יידישקייט, אָדער באַזונדערע יידישקייטן . . 63
צוויי יידישקייט־אויפפאַסונגען . . . . . . . . . 63
די אַסימילאַטאָרישע ריכטונג . . . . . . . . . 65
לאָקאַלע יידישקייט . . . . . . . . . . . 69

## ככל הגוים . . . . . . . . . . . . . 71
די אָפּשטאַמונג פון ככל־הגוים־באַגריף . . . . . . 72
דער הויפּט־אונטערשיד פון אונדזער נאַציאָנאַל־
גייסטיקער קאָנסטרוקציע . . . . . . . . . . 75
דער אויסערלעכער אונטערשיד צוליב אונדזער
לאַגע אין דער וועלט . . . . . . . . . . . 79

## יידישקייט און מענטשלעכקייט . . . . . . . . . 82

## כלל און פרט און פאָלק . . . . . . . . . . 86

## דער נעכטן און דער מאָרגן . . . . . . . . . . 91

## מיטל און צוועק . . . . . . . . . . . . 95

## דער נאַציאָנאַלער ווערט פון דער יידישער
## ליטעראַטור . . . . . . . . . . . . . 99

## קלאַס און פאָלק . . . . . . . . . . . . 104

## אחד־העם, און דער גייסטיקער ציוניזם . . . . 108
קורצע ביאָגראַפישע שטריכן . . . . . . . . . 108
די נישט ריכטיקע אויפפאַסונג פון אחד־העמס שיטה . 110
דער „איך" פונעם פאָלק . . . . . . . . . . 112
אחד־העמס שיטה לגבי דעם ציוניזם . . . . . . . 113
וועגן דער איינזייטיקייט פון אחד־העמס שיטה . . . 115

## פאָלק, גייסט און לאַנד . . . . . . . . . . 119


אויסצוגן פון קריטישע אָפּשאַצונגען און מיינונגען
איבער יעקב כהנס ביכער

# ביכער פון יעקב כהן:

**דריי יאָר אין פוילישן מיליטער** (שילדערונגען) ביאַליסטאָק, 1930.

**אין און אַרום ציוניזם** (עסייען און אָפּהאַנדלונגען) ביאַליסטאָק, 1932.

**פון אייגענעם גאָרטן** (אַפּאָריזמען און לידער) פּאַריז, 1949.

**אויף די וועגן פון יידישן קיום** (עסייען) פאַרלאַג צעראַטאַ, פּאַריז 1950.

**לאַבירינטן פון געדאַנק** (אַפּאָריזמען און שפּריכווערטער) פאַרלאַג טשאַפּניק, פּאַריז 1951.

**פאָלק, גייסט און לאַנד** (עסייען) פאַרלאַג טשאַפּניק, פּאַריז, 1952.

# גרייט זיך צום דרוק:

**דער בראָך פון מיין פאָלק** (לידער און פּאָעמעס פון חורבן).

## פאַרפאַלן־געוואָרענע מאַנוסקריפּטן:

1. **פון זיך** (לעבנס־באַטראַכטונגען אין פרייען פערז) אין ביאַליסטאָק.
2. **מיט די כוואַליעס פון לעבן** (ראָמאַן) אין ביאַליסטאָק.

(ביידע מאַנוסקריפּטן געשיקט צום „איקוף"־קאָנגרעס אין פּאַריז).

3. **ערשטע פרוכטן** (לידער) אין ביאַליסטאָק.

IMPRIMERIE DES « EDITIONS POLYGLOTTES »
232, RUE DE CHARENTON, 232 - PARIS-XIIe